


# קול לובלין
"לובלינער שטימע"

**שנתון ארגוני הלובלינאים בישראל ★ יערלעכע אויסגאַבע פון די לובלינער אין ישראל און אין די תפוצות**

**מס' 33 • חשון-כסלו תשנ"ח • נאָוועמבער 1997 • נומער 33**


# זכרונות מלובלין

**צשה פישר-טרכטנברג**

באחד המפגשים של הלובלינאים, העורך "קול לובלין" ביקש שיכתבו משהו לעיתון שלנו. הוצאתי מהמגירה את זכרונותי, אשר ביקשו ממני בזמנו ילדי. כך זה יצא, שאחרי המלחמה עבדתי במערכת החברה של תיירות פנים. הנערים שלי שאלו אותי פעם: "אמא, את כותבת על הנוף, התיירות ועל אנשים שונים, מדוע את לא כותבת על עיר הולדתך?" אז כתבתי "אד הוק" כמה עמודים, אשר הוצאתי מן הזכרון.

נולדתי בעיר לובלין, מלאת ניגודים. השנה חשובה לאירועים היסטוריים. אסטה מן הנורמה (למרות שנשים לא אוהבות לדבר על זה) ואודה שהיתה זאת שנת 1919. שנה של חוסר שקט, אבל עם תקוה, אחרי סיום מלחמת העולם הראשונה.

כפי שציינתי בפתיחת דברי, היתה עירי תרכובת של מעמדות שונים. היתה כאן ישיבה, אחת משתי הישיבות המפורסמות בעולם. היה בית-ספר לחשמנים, אוניברסיטה קתולית (אשר לא קיבלה יהודים בין שורות התלמידים שלה). עיר של "אנדקים", עיר של יהודים עם פאות, קומוניסטים וציונים. עיר של "פלוסים" ו"מינוסים". למרות המראה של "ראשי החתול" (סוג של ריצוף רחובות שהיה מקובל אז), העיר היתה מושב של מלכי פולין, עיר ארכאית, עיר של בתי כנסת וכנסיות. עיר אשר הרבה ביקורת הועלתה נגד המבנה הארכיטקטוני שלה. אבל בכל זאת היתה העיר שלי. אהבתי את העיר. אנחנו לא אוהבים את הארכיטקטורה, אלא את האנשים אשר היו עדים לחיינו, שבהם לקחו חלק פעיל.

היטלר, לצערי, השתדל שבשנת ה-20 לחיי, הכל יהפך לזכרון. אחרי הפתיחה הארוכה, המשמשת חיקוי עלוב לשלום עליכם, אני עוברת הלאה. במקום הזה אני רוצה להזכיר בכבוד את הורי האהובים, שחינכו אותי ברוח של סובלנות. הם העבירו לי את ניסיון החיים שלהם. הם הקדימו בדעותיהם את תקופתם. הם ערכו לי היכרות על המוסיקה, האמנות והתרבות. תמיד הזינו אותי במילה: "האדם". לא גזע ולא מעמד. ואולי בגלל חינוך זה, הצלחתי לשרוד. את "הגיהנום של דנטה" ולעזור לאחרים. למרות שתמיד שננתי את המילים שהופיעו בשם ספרו של ויסטקובסקי: "סליחה על שאני חיה". אני לא מתאימה למציאות העכשווית, של חיים כוחניים. אבל האופטימיות היפה שלמדו אותי להרגיש, עוזרת לי להתגבר על אכזבות שונות.

←

# התוכן - אינהאַלט


| | |
|---|---|
| צשה פישר-טרכטנברג / זכרונות מלובלין | 1 |
| רבקה לרמן-גולדברג / הבית והשואה | 3 |
| אסתר לנגלבן-קלוויר / הילד והשואה | 5 |
| דוד שטאָקפיש / צוויי ביכלעך וועגן לובלינער פאַרגאַנגענהייט | 6 |
| ישראל אייזענבערג / צום פּריזיוו און אויף א... "זעעכץ" | 8 |
| אדאם געלדמאַן / אויפן ראַנד פון מיין געבוירן-שטאָט | 11 |
| שמחה בינעם וויס / יידן אין לובלין ערב דער צווייטער וועלט-מלחמה | 15 |
| קאָפּל מיזריצקי / א בינטל זכרונות פון "יונגבאָר" אין לובלין | 19 |
| חנה וואַסאַנג / מיט 50 יאָר צוריק | 21 |
| שיע טשעטשעוווער / אויך **דאָרט** טאָר מען נישט פאַרגעסן... | 23 |
| אירית גוטליב / היחסים בין לובלינאים בישראל לפולנים | 23 |
| דוד שטאָקפיש / כמעט די זעלבע פּראָבלעמען... | 24 |
| אירית גוטליב / מפגשים עם ראש העיר של לובלין | 25 |
| אירית גוטליב / מה קורה בלובלין | 26 |
| הזמנה מלובלין - איינלאַדונג פון לובלין | 27 |
| Ryszard Wasita / Spotkanie po 27 latach | 28 |
| נחת פון לובלינער... (לובעלסקי - שטאָקפיש) | 29 |
| ...און לובלינער קינדער (יצחק אורטמן) | 31 |
| בריוו פון לובלינער | 33 |
| תרומות - באַשטייערונגען | 38 |
| לזכרם - צום אָנדענק | 39 |
| להזכיר - צום דערמאָנען | 45 |
| Robert Kuwaek - Podzamcze | 46 |
| Stefan Krakowski - Lublin | 48 |



# "קול לובלין"

**שנתון ארגוני הלובלינאים בארץ ובחו"ל**

**המערכת - רעדאַקציע:**
**מרק אורטמן, אירית גוטליב, צשה פישר-טרכטנברג**

**העורך - רעדאַקטאָר: דוד שטוקפיש**

**כתובת המערכת - אַדרעס פון רעדאַקציע:**
**"קול לובלין", תל-אביב, דיזנגוף 158**
"Kol Lublin" Tel-Aviv, Dizengof 158, Israel

**דפוס שלמה לוי בע"מ, תל-אביב, טל' 03-6881727**


אמא שלי שרה יפה מאוד. לאחד מאחי ניבאו עתיד גדול. ברצוני להוסיף כמה מילים על משפחתי. סבי היה יהודי עמיד. עובדיה פלד ז"ל שאל תמיד האם אני זוכרת את ה"רוסלקה" בלובלין, אשר היתה שייכת לסבי. לצערי, אני לא זוכרת. רק ידוע לי שסבי אהב תיאטרון. האהבה הזאת עברה אל שלושת בניו. דודי ורעיתו השקיעו את כוחותיהם ואת חסכונותיהם בתיאטרון היהודי. דודי היה מנהל התיאטרון. הביא אמנים מכל פולין וגם מחו"ל. אני זוכרת אמנים חשובים יותר, וגם פחות. אני זוכרת את האוירה של התיאטרון היהודי, אשר השפיעה כמו צרי, בעיקר לאנשים אשר עבדו קשה בכל ימות השבוע. התיאטרון היוה עבורם מקור של התפרקות. המהנדס שריפט מזכיר תמיד את דודי, אשר היה מעניק לבני הנוער כרטיסי חינם לתיאטרון.

אחיו הבכור של אבי היה מנהל חשבונות, אבל גם הוא נפגע בחידק התיאטרון. הוא נהג לכתוב מחזות: היה אדם מאד אינטליגנטי. אבי שימש כאמרגן בתיאטרון הפולני. אם דודי לא הצליח להשיג רשות להציג מחזה מסויים, היה אבי מסדר זאת עבורו עקב קשריו. אמא נולדה במשפחה בעלת מסורת יהודית. וכל האידיליה המשפחתית היפה נותקה בגלל הכובשים הנאציים.

שמחה אחת עוד הצלחתי לחוות באותה תקופה: זאת היתה החתונה שלי, שהורי, אחי וידידי זכו להשתתף בה. אחרי שבוע היתה ה"אקציה" הראשונה. עברתי את תקופת הכיבוש כפולניה. הסתרתי את בעלי ומשפחתו, גם מספר יהודים מגיטו ורשה. מעטים מהם עדיין בחיים. לצערי, לא הצלחתי להציל את משפחתי. על התקופה הזאת של בעלי ושלי כתבנו רבות ל"יד ושם". כאן אני חייבת להדגיש, שלמרות המראה ה"ארי" שלי, לא הייתי יכולה לשרוד בלי העזרה של הפולנים. וגם לא הייתי יכולה לעזור לאחרים. אחד מאלה שעזר לנו, הגיע לישראל. הוא זכה כאן לכבוד ועבד בוועדה היסטורית. הוא קבור בקיבוץ יד-מרדכי. כבוד לזכרו!

חבל רק שהאנושות לא הולידה אנשים רבים כאלה.

מפולנית: **אירית גוטליב**

**הודות לתרומה של בן-עירנו**
**מרדכי מנדלסון מתל-אביב,**
**מופיע גליון זה, "קול לובלין" מס' 33**
**לזכרם של הוריו**
**שמואל צבי מנדלסון ז"ל**
**קריינדל מבית ווקסמן ז"ל**
**האחים: אברהם ז"ל, משה ז"ל, אחותו מלכה ז"ל**
**שניספו בשואה**
**יהי זכרם ברוך**



teatrnn.pl

# הכית והשואה*

רבקה לרמן-גולדברג

זכור לי אירוע בגימנסיה של קוניצקי בלובלין.

קוניצקי היה מחבריו הקרובים של פילסודסקי, שליט פולין. יוזף פילסודסקי היה מצביא מדינאי פולני, מהפכן וסוציאליסט מימי עלומיו, מראשי הלוחמים לתקומת פולין העצמאית. הוא נאשם בהתנקמות בחיי הצאר אלכסנדר השלישי והוגלה לחמש שנים לסיביר. אחרי שובו הוציא את העתון הסוציאליסטי החשאי "רובוטניק". קוניצקי היה מקורב לשליט הפולני בתקופת מהפכנותו הסוציאליסטית. פילסודסקי גם עמד בראש אגף טרוריסטי במפלגתו וביצע כמה פעולות של התקפה מזויינת על הצאריסם ובכלל זה שוד כסף ממשלתי לטובת המפלגה. במלחמת העולם הראשונה אירגן את הלגיון הפולני לצידה של אוסטריה וב-1917 סרב להשבע שבועת אמונים לגרמניה ואוסטריה ונכלא במצודת מגדבורג. השלטון המהפכני בגרמניה שיחרר אותו. אחרי תקומת פולין העצמאית נבחר לנשיא המדינה ומרשל. קוניצקי, כחבר קרוב לו, הקים גימנסיה בלובלין וידע לספר לנו הרבה דברים על מעלליו של חברו.

בגימנסיה של קוניצקי עשיתי את לימודי עד 1939, עד פרוץ המלחמה.

לקוניצקי היו שתי אחיות. אחת מהן נישאה ליהודי משומד גולדפינגר. הוא היה איש הפ.פ.ס., המפלגה הסוציאליסטית הפולנית. האחות השנייה היתה המורה בגימנסיה שלו. זכורה לי שביתה בגימנסיה של קוניצקי, הייתי מעורבת בה. בעצם היתה זו שביתה נגד האנטישמים הפולנים שהרימו ראש, התחילו להתעלל ביהודים, להפריע לתלמידים יהודים וגם באוניברסיטאות, לארגן חבורות פולניות שהתנכלו ליהודים. צעירה הייתי. חינוכי בבית חייב אותי להיות פעילה בשביתת התלמידים נגד החוליגנים הפולניים. השמאל ניהל את השביתה.

כשנקראתי לסדר, עניתי, כי גם אני אהיה פעם סטודנטית ואלמד באוניברסיטה ואם לא אתנגד עכשיו לאנטישמים, לא יהיה לי בעתיד כל סיכוי לעשות את לימודי באוניברסיטה פולנית. גם הגימנסיה של קוניצקי היתה מלאה אנטישמים, מלבד קוניצקי, אשר ניסה להטביע את חותמו על הגימנסיה, ולא הצליח.

* קטע מתוך הספר, שערך י. ח. בילצקי. הספר הופיע בהוצאת ה. לייוויק, תל-אביב.


## אירגון יוצאי לובלין בישראל * תל-אביב, דיזנגוף 158

# ערב זכרון לקדושי עירנו

**יתקיים ביום ראשון 30.11.97 (א׳ כסלו תשנ"ח), בשעה 19:00**
**באולם בית לייוויק, רח׳ דב הוז 30, פינת גורדון, תל-אביב**

**בתוכנית:**

הרצאה של **אברהם כהן**
מזכ"ל ארגון החיילים והפרטיזנים נכי המלחמה בנאצים

החזן **אריה בראון** — הדלקת 6 הנרות
לזכר הנפטרים — פרקי קריאה

תחבורה: כל אוטובוסי "דן" ו"אגד" העוברים ברחובות דיזנגוף ובן-יהודה
חנייה (בתשלום): רח׳ פרישמן-דב הוז

בגלל השביתה הוצאתי מהגימנסיה והיתנו תנאי שעלי להביע חרטה. החרטה צריכה להיות בכתב. לא יכולתי להסכים לבקש סליחה על המעשה שעשיתי בתום מצפון וכיהודיה גאה. לאבא שלי היתה אז קונצסיה של טבק, שרכש אותה מיהודי אחר. זכורים לי חששותיו של אבא, שמא בגלל בתו השובתת ישללו את הקונצסיה והמשפחה תהיה נתונה למחסור. קשה היה עליו לבקש ממני כי אחזור בתשובה וכי אבקש סליחה. אם גם, זכור לי, הוא ביקש זאת ממני בעדינות רבה וזאה מתוך חשש לרווחת המשפחה, לפרנסתה.

הסברתי לאבא שלא ילחץ עלי. הרי סוף סוף קיבלתי את החינוך הזה מביתי. היו אלה ימים קשים לאבי. ימי מריבה עם עצמו. אין זה דבר קל להפסיד קונצסיה של טבק אשר בה תלויה בעצם פרנסת המשפחה. אולם מאידך: היתכחש לחינוך שהוא מקנה לבתו.

מאושר היה אבי, שלאחר בירורים קשים, החליטו לקבל אותי לגימנסיה, אם גם לא מלאתי את טביעת חבר המורים ולא חזרתי בתשובה ולא ביקשתי סליחה ומחילה. הימים היו סמוך לפרוץ המלחמה. הגימנסיה הפסיקה את קיומה בתוקף תביעה גרמנית, שלושה חודשים אחרי פרוץ המלחמה. הגימנסיה פעלה עד דצמבר 1939. הגימנסיה נסגרה ואני כבר נשאתי את הטלאי הצהוב בפקודת הגרמנים. אינני פטורה מלספר על המורה הנפלאה להיסטוריה בגימנסיה קוניצקי, בלה מנדלסברג. היה זה כבוד גדול להיות תלמידה של בלה מנדלסברג.

היא היתה ילידת לובלין, תלמידה של פרופ׳ קוכנובסקי באוניברסיטת ווארשה. גמרה את לימודיה בתואר מוסמכת בשנת 1927. היתה חברה פעילה בחוג הסטודנטים פועלי ציון שמאל ואחר-כך במפלגה. פרסמה מחקרים רבים בעיקר על יהודי לובלין, לתולדות יהודים בעיר זו, מקורותיה והתפתחותה. היא שמשה מורה בבית ספר תיכוני. מגמתה במחקר היתה לאסוף כל חומר הניתן לאיסוף כדי להשלים מונוגראפיה מקיפה ויסודית על תולדות יהודי לובלין. מספרים ידידיה וחבריה בקובץ שהוצא לזכרה ע״י חוג מוקירי שמה, כי בלה מנדלסברג מילאה את תפקידה לא רק כעובדת מקצועית בתחום ההוראה, אלא השתוקקה להקנות להם דעת גם מחוץ למסגרת תכנית הלימודים, להתחלק אתם בידיעותיה הרחבות, להעמיק את כוח חשיבתם ולהרחיב את אופקיהם. היא ראתה את ההוראה כיעוד בחייה. נחמן בלומנטל מעיד על בלה מנדלסברג-שילדקרויט, שהיא היתה בעלת השקפת עולם מעוצבת. היא היתה חברה להשקפה ציונית לד״ר ריגנבלום, לפרופ׳ מאהלר ולהיסטוריונים אחרים שנתפרסמו אחר-כך. בלה מנדלסברג השתתפה בכמה וכמה מוסדות חברתיים, ישבה בהנהלת בתי הספר של ציש״א בלובלין, נתנה עזרה ממשית למורים בעבודתם הפדגוגית בידע שלה, בנסיונה, בספרייתה הפרטית. כאשר הוקמה בלובלין ב-1930 וועדת ארגון לייסוד חברת שוחרי ייוו״א היתה בלה אחת משלושת חבריה ולסוף שנתיים של הכנות אמנם נוסדה החברה. בלה היתה גם מרצה קבועה להיסטוריה באוניברסיטה לעם, שמוסדות שונים ארגנו בלובלין. היתה מומחית גדולה לידע העיר לובלין לעתיקותיה היהודיות ובכל טיול הקנתה למשתתפים חוויות רבות. אחת מתכניותיה היתה להוציא לאור תכנית למורה דרך לעתיקות היהודיות בעיר לובלין. אספה חומר, עיבדה את הערכים, כתבה פרקים מיוחדים, אולם התכנית לא הגיעה למימוש בגלל מצוקת הימים שפקדה את יהדות פולין. זו היתה רק חלק קטן מתכניותיה הגדולות. בכל עבודותיה של בלה מנדלסברג-שילדקרויט בא לידי ביטוי המוטיב הלאומי כשהוא שזור בעמדה הסוציאלית. קטעים מחיבוריה על תולדות יהודי לובלין פירסמה בלה בכתב העת ״יונגער היסטאָריקער״, ובצורה פופולארית יותר גם בעתון היהודי הלובלינאי ״לובלינער טאגבלאט״ וכן בכתב העת הפולני "Wiadomosci Krajoznawcze" אחרי המלחמה נתפרסמו קטעים מן החיבור הגדול ב״ביולטין המכון ההיסטורי היהודי״ בווארשה, בפולנית וכן ב״בוך פון לובלין״ ביידיש ובספר ״לובלין״ באנצקלופדיה של גלויות בעברית. הקטעים האלה עוררו הדים חיוביים ועניין אצל ההיסטוריונים היהודיים והם מצוטטים על ידיהם, ביניהם ד״ר י. שאצקי, פרופ׳ ב. מארק, מג״ר י. טרונק, מ. הורן ועוד. אחיה שמואל, הגר בתל-אביב, מספר על כוח ההתמדה של בלה, התמדה משולבת בכושר ריכוז עצום, רצון עז לדעת, ללמוד, לחקור עד שורש דבר, ונוסף לזה זכרון מופלא. בלבה קינן רגש עמוק לצדק, ליושר ולאהבת הזולת. לכן גם לא מילטה את נפשה עם כניסת הנאצים ללובלין, אלא נשארה שם עם בעלה, אחותה וילדיה ז״ל.

בלה הקדישה הרבה מזמנה לתנועה הציונית הסוציאליסטית העמידה תלמידים הרבה והיתה מורה מוכשרת למדעי ההיסטוריה. שאול בתופת הנאצית לא פסקה מלחקור, מלאסוף ומלכתוב על חורבן יהדות פולין בידי זדים. בפרוץ המלחמה נמלט בעלה לברית המועצות ובלה נשארה עם אחותה החולה ושני בניה, ללא אמצעי מחיה. לא ניתן לה לעבוד במקצועה בימי הכיבוש. מעתה עבדה בוועד לעזרה עצמית שבלובלין הכבושה, ללא שכר. היתה עליה פרנסתה של כל המשפחה. באפריל 1942, כנראה, הועברה יחד עם שארית יהודי לובלין ומשם בנובמבר 1942, למחנה הריכוז מאידנק. שם עבדה בפרך עד 3 באפריל 1943. באותו יום הובא חלק מיהודי לובלין אל היער קרמפץ ושם הומתו ביריה; בינהם היתה גם בלה. אכן, כבוד היה להיות תלמידה שלה, וללמוד ממנה פרקי היסטוריה.

אני זכיתי.

# הילד והזמיר

אסתר לנגלבן-קלוויר

על עץ גבוה זמיר צעיר
התבונן ביקום - נתן קולו בשיר
על שמיים כחולים נקיים מכל עב
על שמש זהובה, על הירוק הרב

הוא שר על ירח על מיצמוץ כוכבים
על שקט הלילה על ימים הטובים
על זריחת השמש מאחורי ההרים
על אנשים שמחים על אנשים עצובים

פתאום בין רגע קולו נדם
ראה תחתיו המוני אדם
הלכו עצובים צמודים לאי-שם
נבהל הזמיר, נחרד ליבו הקטן

בצידי הדרך יחד עם ההמון
נסחב ילד קטן בכיוון הקרון
הסתכל בשמיים דבר נדיר
וראה על עץ את הציפור-זמיר

הביט הילד הקטן אל-על
אל הזמיר הקטן ואותו שאל
הגיד לי ציפור יפה חמדתי
אולי ראית את אמא שלי?

אמא שלי יפה בין גבירות
חכמה וטובה מכל האמהות
אני לא יודע מה פתאום קרה
שכך משום מה אותה שכחה?

אולי אותה ראית, זה דבר נדיר
שאמא שלי הטובה הצטרכה אותי להשאיר
אולי בדרך אני אותה עוד אפגוש
אני כה רעב, כואב לי הראש!

קיבל הילד דחיפה - המשיך ללכת
בעיניו פחד - בליבו שלכת
בעקבותיו מהר הזמיר הצעיר
בעניו דמעה, לילד המשיך לשיר

הילד הולך וחולם ונזכר
שאמא הבטיחה כבר מחר
יבוא השלום ויונה עם זית
תחכה להם בשמחה ליד דלת הבית

אז מה לדאוג, להתגעגע והכל
כשאמא בקרוב תבוא אבל הוא לא יכול
אמא תעשה לו חביתה וקציצה
אך הציפור רואה, משתנקת ובוכה

רעב ועיף המשיך ללכת הילד
וחשב שיגיע למפתן הדלת
את אמא הטובה בטח יפגוש
אבל אין לו כוח, כואב לו הראש

אחרי הליכה בלילה בין הדרכים
פגש בין הנדודים אחד השכנים
איפה אמא שאל הילד האחרון
שם השיב השכן, בתוך הקרון

והילד לא ידע איך פתאום מצא
את אמו הטובה יושבת בפינה
פניה חיוורות הכחילו פתאום
בדוחק, צפופות בתוך הקרון

הילד בחיקה שם ראשו הכואב
לא הרגיש כבר כלום נדם לו הלב
על פניו הקטנים שקט ושלווה
הוא מאושר, מצא את אמא

ראה זאת הזמיר ממקום מחבואו
דמעה חמה נפלה מעינו
נתן קולו בשיר במלוא הגרון
היה זה שירו האחרון.

# צוויי ביכלעך וועגן לובלינער פאַרגאַנגענהייט

דוד שטאָקפיש

הײַנטיקס יאָר, 1997, זענען אין לובלין דערשינען 2 ביכער אין פּויליש, וואָס דערגאַנצן, בעצם, די רומפּולע געשיכטע פון ייִדיש לעבן אין דער שטאָט, ווען די ערשטע ייִדן האָבן זיך דאָרט באַזעצט מיט העכער 600 יאָר צוריק.

דאָס ערשטע בוך וואָס איך האָב באַקומען, איז באַטיטלט אויפן שערבלאַט מיט צוויי אויפשריפטן: אין ייִדיש "לובלינער ייִדן" און פּויליש "Zydzi Lubelscy". אויבן - א מגן דוד, אונטן-דער הערב פון דער שטאָט, אביסל געענדערט. דאָס ביכל - 160 ז"ז, 114 טעקסט, 46 ז"ז אילוסטראַציעס, זענען צונויפגעשטעלט פון מאַטעריאַלן פון דער סעסיע, געווידמעט דעם לובלינער ייִדנטום, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 14, 15 און 16 דעצעמבער 1994. די אַרויסגעבער זענען: דער פאַרלאַג "דאַבאַר" און דער "צענטער גראָדזקע טויער", טעאַטער נ.נ.

לייענען מיר דעם בוך אַן אַרײַנפיר פון גזשעגאָזש לינקאָווסקי, וועלכער ברענגט אין אָנהייב די ווערטער פון מאיר באַלאַבאַנס "די ייִדן-שטאָט לובלין": "מיר מוזן אויפוועקן די גייסטער פון גרויסע מענטשן, וואָס האָבן אַמאָל דאָ געלעבט און געוווּן טעטיק, אַרויסרופן אין געדאַנק זייערע מעשים און לײַדן, צוזאַמען מיט זיי באַזוכן די געסלעך, הײַזער, שילן". דערנאָך פאָלגט אַן אַרבעט פון מאָניקאַ אַדאַמטשיק-גאַרבאָווסקאַ "דער בונד פון ייִדישער שרײַבער מיט לובלין און לובלינער געגנט", ווו ס'ווערן דערמאָנט: יעקב גלאַטשטיין, יצחק באַשעוויס-זינגער, יצחק לייבוש פּרץ, שלום אַש און אַנדערע. רענאַטאַ באַרטניק דערציילט וועגן דער קאָלעקציע בילדער פון לובלינער מאָלער אין לובלינער מוזעאום: שמחה טראַכטער, הענריק לעווענשטאַט און יהודה ראַזגור. וועגן "די סאָציאַל-קולטורעלע ענדערונגען אין דער סביבה פון לובלינער ייִדן אין 19טן און 20סטן יאָרהונדערט" שרײַבט דער יונגער היסטאָריקער ראָבערט קובאַלעק. "לובלינער ייִדן צווישן דער שטאָט באַפעלקערונג פון 16 טן ביזן 20 סטן יאָרהונדערט" שילדערט טאַדעאוש ראַדזשיק. דאַקעגן אַנדזשעי טשטשישינסקי באַשרײַבט די היסטאָרישע, רעליגיעזע און אַרטיסטישע ווערטן פון אַלטן ייִדישן בית הקברות און לובלין.

שמחה ווײַס באַשרײַבט די גוט באַקאַנטע אונדזער דור "ייִדן און לובלין פאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה". הגם דאָס זענען בלויז פראַגמענטן פון דערינערונגען, האָבן מיר פאַר זיך אַ קאָמפּאַקט בילד פון יענע פאַר-מלחמהדיקע "ייִדישע ייִדן" פון אונדזער היימשטאָט, מיט זייערע פּאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס, בתי-מדרשים, שטיבלעך, וווילטעטיקע אינסטיטוציעס און אַלץ וואָס האָט אַרומגענומען דאָס ייִדישע לובלין. דערנאָך קומט אַן אינדעקס פון נעמען (אַן ערך 300), וועלכע מ'האָט אויסגערעכנט אינעם בוך. מיר וועלן בלויז דאָ דערמאָנען אַ דרײַ צענדליק נעמען פון די ייִדן, וואָס האָבן פאַרנומען אַ בכבודיק אָרט אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן: שמואל אײַכענבוים, אַדוו׳ אַלטען, אַדוו׳, באַך, אינזש. בעקער, פּראָפ׳ בלומענטאַל, פּרעזעס בראָמבערג, פּסח בריקמאַן, ד"ר צינבערג, בעלאַ דאָבזשינסקאַ, דובינסקי, ערליכמאַן-באַנק סויקאַ, דירעקטאָר גלאַזבערג, ד"ר הערשענהאָרן, לערער יובעל, דוד קעלער, שלמה קעסטענבערג, פּראָפ׳ נחמן קאָרן, בעריש קרעמפּעל, לייבל לערער, ד"ר מאַנדעלבוים, די שול-דירעקטאָרין לאה מאַנדעלקערן, היסטאָריקערן בעלאַ מאַנדעלסבערג, רעדאַקטאָר יאַנקל ניסענבוים, ד"ר פּלאָטקין, רײַכענשטיין, רעדאַקטאָר סטופּניצקי, הרב שאַפּיראָ, טעאַטער-דירעקטאָר טראַכטענבערג, סענדער זילבער און פיל פיל אַנדערע.

דאָס ביכל פאַרענדיקט זיך מיט 41 בילדער, אילוסטראַציעס און פאָטאָגראַפיעס פון ייִדישן לובלין. דער אַרײַנפיר איז אויך איבערזעצט אויף ענגליש. אַן אינטערעסאַנט, באַלערנדיק בוך, פון וועלכן ס'איז אַ סך צו לערנען.

*

דאָס צווייטע בוך איז פון אונדזערע גוט באַקאַנטע קאַראָלינאַ ווײַס און שמחה ווײַס (אויך אין פּויליש) "פאַקטן און געשעענישן פונעם לעבן פון די לובלינער ייִדן". אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג פון אוניווערסיטעט מאַריאַ קירי-סקלאָדאָווסקאַ, לובלין, 1997. 80 ז"ז און 12 ז"ז אילוסטראַציעס און פאָטאָגראַפיעס.

מיר האָבן אין דעם ביכל אַ היסטאָרישן איבערזיכט פון ייִדישן ישוב אין לובלין - פון יאָר 1317. די מחברים גיבן אונדז צומערשט אַ מין היסטאָרישן קאַלענדאַר, וועלכער הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: "אויפן סמך פון אַ פּריווילעגיע פון קיניג וולאַדיסלאַוו

לאָקעטעק, האָט לובלין באַקומען שטאָטישע רעכט; א טייל היסטאָריקער פאַרבינדן די דאַטע מיטן באַוויזן זיך פון יידן אין לובלין, צום ערשטן מאָל. אין יאָר 1521 האָט דער פוילישער קיניג זיגמונט דער ערשטער פאַרבאָטן לובלינער יידן איינצוקויפן תבואה אויסער דער שטאָט און באַשטימט קאָמיסאַרן צו באַטראַכטן די אָנקלאַגעס, וועלכע מען טראָגט אַריין קעגן יידן. אין 1567, לויט א פּריווילעגיע פון קיניג, האָט מען אויפגעבויט אין לובלין די גרויסע מהרש"ל-שיל א"נ פון שלמה לוריה. נאָך א ריי יאָרן, האָט מען דאָרט אויפן ערשטן שטאָק, אויפגעבויט די מהר"ם-שיל.

ווייטער דערוויסן מיר זיך פון דעם געניוועס "קאַלענדאַר", אז אין 1587, האָט דער זון פון מרדכי יופע געעפנט א דרוקעריי אין לובלין, וועלכע האָט במשך א סך יאָרן געדרוקט געבעט-ביכער און ספרים. אויפן סמך פון א פּריווילעגיע פון קיניג סטעפאַן באַטאָרי, איז אין יאָר 1580 אנטשטאַנען דער ועד ארבע ארצות, וועלכער האָט אָפּגעהאַלטן זיינע צוזאַמענטרעפן ביזן יאָר 1764. א גרויס אומגליק פאַר די יידן אין לובלין איז געווען די אינוואַזיע פון טאָטערן, וועלכע האָבן חרוב געמאַכט דעם יידישן קוואַרטאַל און אויסגעמאָרדעט כמעט אלע יידן. אין 1829 האָט מען אויפגעעפנט דעם בית-הקברות אויף דער אוניצקע (הײַנט-וואַלעטשניך), וואָס איז געווען טעטיק ביזן יאָר 1942. גערופן האָט מען דאָס "דער נייער בית-עולם". אין 1886 האָט מען אויפגעשטעלט דאָס יידישע שפּיטאָל, מיט 56 בעטלעך פאַר קראַנקע. פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה, איז דאָס שפּיטאָל דערגאַנגען צו 100 בעטלעך און עטלעכע אָפּטיילונגען. אין 1891 איז געבוירן געוואָרן בעלא שאַפּיראָ, פירערין פון "בונד" און לאַווניק אין מאַגיסטראַט.

דער איצטיקער יאָרהונדערט הייבט זיך אָן מיט דער דערעפענונג פון רוטקאָווסקיס צוקערניע און מיטן איינפירן די ערשטע טעלעפאָנען אין שטאָט (1900). די ערשטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס זענען אנטשטאַנען אין יאָר 1915. אין 1916 ווערן געבוירן צוויי יידישע גימנאַזיעס, אונטער דער אָנפירונג פון שמעון שפּער (ייִנגלעך) און רוזשע שפּער (פאַר מיידלעך). די טאָג-צייטונג "לובלינער טאָגבלאַט" האָט זיך באַוויזן אין 1918 און דערשינען נאָרמאַל ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה. אין דעם זעלבן יאָר איז געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער יידישער ספּאָרט-קלוב "שמשון", וואָס האָט געגעבן א שטויס צו דער אנטשטייאונג פון נאָך ספּאָרט-קלובן אין די שפּעטערדיקע יאָרן: "יאַרדניה", "הכוח", "הפועל", "גוויאזדא-שטערן", "מכבי", "וויעניאַוואַ", "יוטשניא" און אַנדערע. אין 1920 לייענען מיר, האָט מען געגרינדעט די פּאָלקס-שול פון "בונד" און דערנאָך ביי לינקע פועלי-ציון, אָנגעשלאָסענע אין ציש"אָ. און 1924 האָט מען געלייגט דעם גרונטשטיין אויפצושטעלן די ישיבת חכמי לובלין. דעם זעלבן יאָר איז אנטשטאַנען די רעליגיעזע מיידל-שול "בית יעקב" און די ציוניסטישע יוגנט-אָרגאַניזאַציע "השומר הצעיר".

לויט סטאַטיסטישע אָנגאַבן, האָט דעם 1טן יאַנואַר 1929, לובלין געציילט 116 טויזנט 314 איינוווינער: 61.5% פּאָלאַקן, 38.5% יידן. דעם 24סטן יוני 1930 איז פאָרגעקומען די פייערלעכע דערעפענונג פון דער ישיבת חכמי לובלין. אין 1936 האָט מען אנגעהויבן בויען דאָס פּרץ-הויז אויפן טשאָטעק. אין די וואַלן צום שטאָטראַט (1938), האָט דער בונד באַקומען 8 מאַנדאַטן פון די 10 יידישע ראַטמענער. 1 די ציוניסטן, 1 אגודה.

אין יאָר 1939 האָט לובלין געציילט 120 טויזנט איינוווינער, דערפון 42 טויזנט יידן. דעם 21 סטן מאַי, צו די שטאָטראַט-וואַלן, האָט פּ. פּ. ס. באַקומען 11 מאַנדאַטן, בונד 8, סאַנאַציע 19, ענדעציע 8, אָרטאָדאָקסן און ציוניסטן צו איינעם. דעם 18טן סעפּטעמבער 1939 זענען די דייטשן אריין קיין לובלין. דעם 9 טן נאָוועמבער דעם זעלבן יאָר זענען אלע יידן באַזייטיקט געוואָרן פון דער הויפּט-גאַס קראַקאָווסקע-פּשעדמיעשטשע און ארומיקע געסלעך. מ'האָט אויך אדורכגעפירט א רשימה פון די יידן - 35 טויזנט.

אין 1940 באַשטימען די דייטשן א יודענראַט. פּרעזעס-אינזש. בעקער, וויצע-פּרעזעסן - שלמה קעסטענבערג און אדוואָקאַט אלטען. דער יודענראַט איז באַשטאַנען פון צען מיטגלידער: קערשמאַן, קופּערמינץ, ווינטער, תיכּף, קעלנער, קאַצנעלענבויגן, לערנער, האָכגעמיין, בראָדט, הופנאַגעל. אין 1941 האָט מען באַשטימט דעם יידישן קוואַרטאַל: די לינקע זייט לובאַרטאָווסקע, קאָוואַלסקע, שעראָקע, צירולניטשע, זאַמקאָווע, נאַדסטאַוונע, קראַוויעצקע, פּאָדזאַמטשע, טשוואַרטעק און יאַטעטשנע.

אין די יאָרן 1941-1943 איז געווען טעטיק די מאָרד-פאַבריק מיידאַנעק אין א פאָרשטאָט פון לובלין, ווו ס'זענען אומגעקומען 350 טויזנט פערזאָן, צווישן זיי ארום 130 טויזנט יידן. אין חודש מערץ 1942, האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון לובלינער יידנטום. מיידאַנעק, פּאָניאַטאָוו, טראַווניק - זענען די גרעסטע פאַרניכטונג ערטער אין לובלינער געגנט. די שטאָט איז געוואָרן באַפרייט דורך דער סאָוועטישער ארמיי דעם 22סטן יולי 1944. צומערשט איז באַפרייט געוואָרן מיידאַנעק.

אין יאָר 1947 האָט דער יידישער קאָמיטעט אין לובלין אָרגאַניזירט א לאַנד-צוזאַמענפלי פון לובלינער יידן אין פוילן. און 1963 איז צווישן די גאַסן נאָווע און שווינטאָדוסקע אויפגעשטעלט געוואָרן א דענקמאָל, מיט אן אויפשריפט אין יידיש און פויליש: "אין יעדער בערגל אש זוך איך מיינע נאָענטע". אָנדענק-

(המשך אויף ז' 10)

# צום פּריזיוו און אויף אַ... ״זעעכץ״

**ישראל אייזענבערג /לאָס-אַנזשעלעס**

הגם אַ געבוירענער אין וואַרשע, האָב איך מיינע קינדער-און יונגט-יאָרן אַדורכגעמאַכט אין לובלין, די עיר ואם בישראל, וואָס איז אין דער יידישער וועלט געקרוינט געוואָרן מיט דעם שטאָלצן, פּיל-זאָגנדיקן נאָמען ירושלים דפּולין, פּונקט ווי די יידישע ווילנע האָט מען גערופן ירושלים דליטא. פון די 120 טויזנט איינוווינערס אין לובלין, איז בלויז אַ דריטל געווען יידן, דאָך האָט די רומפּולע פאַרגאַנגענהייט און די ברויזנדיקע קעגנוואַרט (ביז דעם חורבן) געלייגט דעם עכט-יידישן חותם אויף דער דאָזיקער שטאָט, וועלכע האָט געאָטעמט מיט תורה און חכמה, מיט אַרבעט און מסחר, מיט גאָט זוכעניש און געיעג נאָך אידעאַלן. ״די יידן שטאָט לובלין״ הייסט דאָס בוך פון היסטאָריקער, פּראָפעסאָר מאיר באַלאַבאַן - און טאַקע אַזאַ איז זי פאַרבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון.

דעם 9טן נאָוועמבער 1942, מיטן ליקווידירן דעם קליינעם געטאָ אין מיידאַן טאַטאַרסקי, האָבן די דייטשע רוצחים אַ סוף געמאַכט צו דעם יידישן ישוב אין לובלין. ווי כמעט דער איינציק ניצול געוואָרענער פון יענער גרויזאַמער שחיטה, וויל איך דערציילן מיינע איבערלעבונגען אין די יאָרן 1937-1945, איבערלעבונגען וואָס זענען נישט מער ווי א טראָפּן ״אין דעם געזאַלצענעם ים פון מענטשלעכע טרערן״...

*

אין חודש פעברואַר 1937 בין איך גערופן געוואָרן אין דער פּוילישער אַרמיי. הגם איך האָב זיך ״געצערט״ אין משך פון אַ האַלב יאָר צייט, נישט געגעסן און נישט געשלאָפן כדי וואָס מערער צו פאַרלירן פון דער וואָג, אויסזען קראַנק און שוואַך, ווי אויך אַדורכגעמאַכט פּיל קילאָמעטערס צופוס, אפילו זיך געלאָזט מאַרשירן פון לובלין קיין ראַדזין, צום דאָרטיקן רבין ר׳ שלמהלע זצ״ל, ער זאָל מיר אָנווינטשן באַפרייט צו ווערן פון מיליטער - האָט אָבער דאָס אלץ נישט געהאָלפן. די פּאָבאָר-קאָמיסיע, צונויפגעשטעלט פון אָפיצירן און דאָקטוירים, האָבן דאָך באַשלאָסן, אַז כ׳בין דינסט-פעיק. אגב, האָט דער רבי פאָרויסגעזאָגט, אַז מ׳וועט מיך נישט באַפרייען. פרייטיק-צו-נאַכטס, ביים טיש, האָט ער מיר באַפוילן: ״עס, עס,דאָס עסן וועט דיר נישט קאַליע מאַכן״...

מיין טאַטע האָט אויך באַצאָלט דעם ״מאַכער״ יונה בחור, וואָס האָט געזאָלט אונטערקויפן דעם דאָקטער פון דער קאָמיסיע ער זאָל מיך באַפרייען. נאָר ערגעץ-ווו איז דאָס געלט אַוועקגעקומען און מיין פּריזיוו ענדיקט זיך מיטן ווערן אַ זעלנער אין דער פּוילישער אַרמיי, ווו דער אַנטיסעמיטיזם איז געווען שטאַרק פאַרוואָרצלט סיי ביי די סאָלדאַטן, סיי ביי די אָפיצירן פון נידעריקן און הויכן ראַנג - די עיקרדיקע סיבה, הלמאי יידישע בחורים האָבן געזוכט אַ וועג אויסצומיידן מיליטער-דינסט.

אַ קורצע צייט פאַרן צושטעלן זיך אין די קאָשאַרן, האָט מען מיינע פרומע עלטערן פאָרגעשלאָגן אַ שידוך פאַר מיר, ווי דער שטייגער אין יענע צייטן. איך האָב זיך געגרייט צו פאַרלאָזן די היים מאָנטיק. נאָר מיט 3 טעג פריער, פרייטיק, זענען פון בילגאָריי, אַ שטעטל נישט ווייט פון לובלין, געקומען די כלה מיט אירע טאַטע-מאַמע און איינגעשטאַנען ביי אונדזערע בשותפותדיקע פריינד. דער ערשטער צונויפטרעף פון די צוקונפטיקע מחותנים, וואָס האָבן זיך געקאָנט נאָך פון פריער, איז פאָרגעקומען פרייטיק צו-נאַכטס. וואָס אַן אמת, האָבן מיינע עלטערן געזען די כלה אַ סך פריער, אַפילו ספּעציעל געפאָרן קיין בילגאָריי אָנקוקן די צוקונפטיקע שנור. דאַקעגן פאַר מיר איז באַשטימט געוואָרן מוצאי-שבת צו באַטייליקן זיך אינעם אָפיציעלן ״זעעכץ״, ווי מ׳האָט דאָס גערופן ביי יידן.

נאָך דער הבדלה בין איך מיט טאַטע-מאַמע אַוועק כאַפּן אַ בליק אויף די וואָס האָט באַדאַרפט זיין (און טאַקע געוואָרן) מיין באַשערטע. דאָס שיינע, שוואַרץ-חנעוודיקע מיידל איז מיר גלייך געפעלן געוואָרן. נאָך דעם ערשטן ווערטער-אויסטויש, האָב איך אויך געהאַט אַ געפיל, אַז כ׳בין פאַרליבט...

צומאָרגנס, זונטיק, האָבן די מחותנים פאַרהאַנדלט וועגן נדן, אויסשטייער, אַ דירה, מעבל און אויך געוועבט צוקונפט-פּלענער פאַר זייערע קינדער. דעם זעלבן אָוונט האָט מען געטרונקען ״לחיים״ מיט פאַרבעטענע קרובים און פריינד. אויפן צווייטן טאָג, מאָנטיק גאַנץ פרי, האָב איך מיט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ, זיך צוגעשטעלט אין מיין פּאָלק, וועלכער האָט סטאַציאָנירט אין בראָנאָוויץ, אַ פאָרשטאָט אין לובלין.

די ערשטע זעקס חדשים פון שטרענגן קאַזאַרמע-רעזשים און מיליטערישער דיסציפּלין, זענען אַדורך נישט שלעכט. מיר אַליין איז געווען אַ וווּנדער, וואָס נאָך דער דאָזיקער צייט, האָט מען מיך געשיקט אין אַן אונטעראָפיצירן-שול וועלכע איז בדרך-כלל נישט געווען צוטריטלעך פאַר יידישע סאָלדאַטן. נאָך 3 חדשים לערנען די זעלנערישע תורה, באַקום איך אַ ״בענדעלע״, וואָס לויטן ראַנג הייסט עס ״סטאַרשי שערעגאָוויעץ״ (עלטערער זעלנער). דווקא איך, דער ישיבה-בחור, האָב אַוואַנסירט, הגם אין אונדזער

איינהייט האָבן געדינט פיל יידישע סאָלדאַטן, אויסגעאיבטע ספּאָרטלער. אויסער אַלע אַנדערע אויפגאַבן פון אַן "איינבענדלדיקן", האָב איך יעדן פרייטיק-צו-נאַכטס באַדאַרפט פירן אין שיל אַריין די סאָלדאַטן פון משה רבינוס גלויבן.

נאָכן ענדיקן די אונטעראָפיצירן-שול, האָב איך באַקומען אַן אורלויב אויף עטלעכע טעג. מיטן "בענדעלע" אויף די פּאַגאָנעס און אַ לאַנגער שווערד ביי דער זייט, האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט קיין בילגאָריי, צו מיין כלה, וואָס האָט מיך אָפּגעוואַרט אויף דער אויטאָבוסן-סטאַציע. בעת יענער באַגעגעניש האָבן מיר זיך אַפילו צעקושט - און דערפאַר האָט בילגאָרייער קהל באַשלאָסן מיך צו באַשטראָפן אויף זייער שטייגער: אַז כ'בין שבת געקומען דאַוונען מיט מיין צוקונפטיקן שווער אין גערער שטיבל, האָט מען נישט געוואָלט מיך אויפרופן צו דער תורה און געבן אַן "עליה". דער שווער האָט דערפון געהאַט גרויס עגמת-נפש. אין שטעטל האָבן זיך אַפילו געשאַפן צדדים - פאַר און קעגן דעם, אַז חתן-כלה זאָלן זיך קושן בפרהסיא...

סוף זומער 1938 האָב איך געענדיקט מיין מיליטער-דינסט, זיך אומגעקערט אַהיים, צו טאַטע-מאַמע, ווו ס'האָט אויך געוואַרט מיין כלה באַלטשע. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונגען צו דער חתונה, וועלכע איז באַשטימט געוואָרן אויפן 9טן סעפּטעמבער 1938.

יענעם אָוונט זענען מיר אין דעם יידישן שטעטל בילגאָריי געשטאַנען אונטער דער חופה, אונטערן פרייען הימל, אין אַ הויף. די משפחות פון קראַשניק און וואַרשע, פון לובלין אין אַנדערע ערטער, זענען זיך צונויפגעקומען צו דער שמחה. די חתונה-פייערונגען האָבן זיך געצויגן אַ גאַנצע וואָך, מיט שבע ברכות יעדן טאָג, ווי עס האָט זיך געפירט אין די אָרטאָדאָקסישע קרייזן.

איך בין שוין געבליבן ביי די שוויגער-עלטערן ביז נאָך די יום-טובים. דערנאָך בין איך און באַלטשע אַוועק פון בילגאָריי קיין לובלין און דערוייל זיך געדונגען אַ צימער ביי אַ משפחה, ביז מ'וועט אַריינגיין אין א דירה, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע מאַטעריעלע אָנשטרענגונגען. מיין פאָטער האָט מיך אַריינגענומען צו זיך אין געשעפט, אין וועלכן כ'האָב אַריינגעלייגט אַ טייל פון באַקומענעם נדן און אַזוי אַרום זיך פאַרזיכערט פרנסה פאַר מיין פרוי און מיר.

די אַנטיסעמיטישע העצע קעגן יידישן ישוב אין פוילן מצד דער רעגירונג, אין סיים, פּרעסע און פּאַרטייען, האָט דערפירט צום בויקאָטירן יידישע סוחרים. אויך אונדזער געשעפט פון שניט-סחורה, וואָס האָט געהאַט אַן אָנגעזעענע צאָל קריסטלעכע קונים, איז געפאַלן אַ קרבן פון יענער יידן-פיינדלעכער פּאָליטיק. דאַקעגן האָט דאָס געשעפט פון מיין שווער אין בילגאָריי נישט שלעכט פּראָספּערירט. ער האָט מיך געבעטן צו באַזעצן זיך שטעטל, העלפן אים אין דער קראָם און אַפילו פּלאַנירט צו שיקן קיין ווילנע, ווו ער האָט געהאַט בדעה צו עפענען אַ פיליע פון זיין מסחר - פאַרשידענע דראַט-נעצן, וועלכע עס פלעגן פאַר אים אויסאַרבעטן שטעטלדיקע בעלי-מלאכות און פויערים. איך בין אָבער געווען שטאַרק צוגעבונדן צו מיין פאָטער, נישט געוואָלט אים פאַרלאָזן אין דער שלעכטער צייט און דערפאַר נישט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון שווער.

צום יאָר פון אונדזער חתונה-טאָג, איז היטלער-דייטשלאַנד באַפאַלן פּוילן און צונישט געמאַכט אַלע שיינע חלומות פון מיליאָנען מענטשן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע וועלט-מלחמה און די אויסראָטונג פון אונדזער פאָלק.

## אויפן פראָנט

אין דער נאַכט פון 31סטן אויגוסט 1939 ווער איך מאָביליזירט אין דער אַרמיי. צומאָרגנס, דעם ערשטן סעפּטעמבער, האָבן מיר שוין געוווּסט פון דער היטלעריסטישער אינוואַזיע. איך באַקום דעם מונדיר, אַ ביקס, אַ רוקזאַק מיט די נייטיקע זאַכן און נאָכן צוטיילן מיך צום פּאָלק, שיקט מען אונדז אין פריער צוגעגרייטע אָקאָפּעס נישט ווייט פון לובלין. די דייטשן האָבן מיט זייער בליץ-אַטאַקע אַזוי איבערראַשט די פּוילישע באַוואָפנטע כוחות, אַז זיי זענען נישט געווען מסוגל צו שטעלן אַן עפעקטיוון ווידערשטאַנד און אויך נישט געווען צוגעגרייט און אויסגעשטאַט צו שלאָגן זיך מיט דער באַוואָפנטער און אויסגעשולטער אַרמיי פון דריטן רייך. אונדזער איינהייט האָט געהאַט בדעה צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד, נאָר די אָפּטע באָמבאַרדירונגען פון דער לופט האָבן אַריינגעברענגט דעמאָראַליזאַציע און שרעק צווישן די זעלנער, ווי ביי דער ציווילער באַפעלקערונג. מיין פראָנט-ליניע איז געווען אין די אָקאָפּעס צווישן די שטעטלעך מאַרקישאָוו און קאָריוו, הגם דער שונא האָט זיך נישט געפונען אויף דער ערד, נאָר - איבער אונדזערע קעפּ, אין הימל. אַ סך קרבנות זענען געפאַלן נישט ווייט פון מיר. די מיליטערישע לערע אין משך פון יאָרן האָט פאַרלוירן איר ווערט און באַדייטונג, אַנטקעגן די פאַלנדיקע באָמבעס. אויך דער טרוים פון אַ יידישן בחור פון לובלין אויפצושטעלן אַ פאַמיליע-נעסט און אָנגיין מיט זיין יידישן לעבנס-שטייגער - איז געוואָרן אויסגערונען...

באַזונדערס שווער האָט זיך געלייגט אויף אונדזער געמיט די זיך דערנענטערנדיקע ימים-נוראים. די שטימונג - אַ דערדריקטע, דער מאָרגן - אין שוואַרצע פאַרבן. דעם טאָג ראש-השנה האָבן די דייטשן מיט אַ באַזונדערן אייפער אַטאַקירט אונדזערע פּאָזיציעס

פון האַרמאַטן, טאַנקן און עראָפּלאַנען. אין אָוונט, אַז די שרעקלעכע קאַנאָנאַדע האָט זיך איינגעשטעלט, איז מיר געלונגען צונויפצושטעלן אַ מנין פון יידישע זעלנערס און דאַוונען בציבור. איך בין געווען דער חזן און ווי אַן עמוד האָט געדינט אַ דיקער בוים. מיר האָבן געגלויבט, אַז אויך דער דאָזיקער אַלטער דעמב ווערט מיטגעריסן מיט אונדזער תפילה און געוויין. מיין "ונתנה תוקף" האָט געקענט אַ שטיין רירן. צווישן דעם מנין האָט זיך אויך געפונען דער לובלינער זעלנער אברהמטשע ערליכמאַן (פון "זאַמד").

די מלחמה מיט פוילן האָט נישט געדויערט לאַנג. די וואָס זענען נישט אַריינגעפאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט, זענען זיך צעלאָפן אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, כדי זיך אויסבאַהאַלטן פון די מונדירטע רוצחים פון דער ווערמאַכט. איך בין אָנגעקומען אין דעם שטעטעלע גליסק, נישט ווייט פון לובלין און ביי אַ גאַסטפריינדלעכער יידישער משפחה זיך איבערגעטאָן אין ציווילע מלבושים, זייערס אַ מתנה. דעם מונדיר האָב איך באַגראָבן אין פעלד. פאַר דער צייט פון מיין זיין אין גליסק האָב איך נישט אויפגעהערט טראַכטן קיין איין מינוט ווי אַזוי זיך דערשלאָגן צוריק קיין לובלין, ווו מיין פרוי, עלטערן און משפחה האָבן אַוודאי מיט ציטער און זאָרג געטראַכט וועגן מיין גורל און אַליין געלעבט אין כסדרדיקער שרעק פאַרן דייטשן אָקופּאַנט, וואָס האָט אין די ערשטע טעג פון באַצווינגען לובלין, אַרויסגעוויזן זיינע פינצטערע כוונות לגבי דער יידישער באַפעלקערונג.

אַ געוויסע נאַכט האָב איך זיך געלאָזט אין וועג אַריין און דערגאַנגען ביז דעם שטעטל פּיוסק. איך בין אַוועק אין שיל, ווו כ'האָב צו מיין גרויסער פרייד און איבערראַשונג געטראָפן מיין שוואָגער שמואל. זיין פאָטער (און מיין שווער) האָט אים ספּעציעל געשיקט קיין לובלין זיך דערוויסן, צי איז פאַראַן פון מיר אַ ידיעה, ווייל זיי האָבן געוווּסט וועגן די שווערע פאַרלוסטן פון פוילישן מיליטער.

דער צונויפטרעף שפּעט ביינאַכט מיט אַ היימישן, נאָענטן מענטשן האָט מיך זייער דערמוטיקט. איך באַשליס זיך לאָזן אין ווייטערדיקן וועג, הגם פול מיט געפאַרן, ווייל פּויערים, ווי אויך דייטשע זעלנער האָבן געלויערט אויף וואַנדערנדיקע יידן און זיי געדראָט מיט טויט, רויב אָדער אַרעסט. נאָר דער ווילן צו זיין מיט די נאָענטסטע האָט גובר געווען אַלע פּחדים. מיין ציל איז - דערגיין קיין לובלין.

(פונעם בוך "פאַר וואָס גראָד איך")

צוויי ביכלעך (סוף פון ז' 6)

טאָוולען צו די 55 סטע יאָרצייט פון עפענען די ישיבת חכמי לובלין (1985) און צו די 100 יאָר פון דער אנטשטייאונג פון יידישן שפּיטאָל, (1986) זענען אויפגעקלאפּט געוואָרן אויף די געביידעס פון דער איצטיקער מעדיצינישער אקאדעמיע און גינעקאָלאָגישן שפּיטאָל. אין יאָר 1991 איז רעסטאווריר‌ט געוואָרן דער יידישער בית הקברות, א דאנק דער פונדאציע פון דער פאמיליע פרענקעל פון בעלגיע.

דער דאָזיקער וויכטיקער היסטאָרישער איבערזיכט פון ייִדיש לעבן אין לובלין, פאַרענדיקט זיך מיט צוויי געשעענישן, וועלכע זענען אזוי כאראקטעריסטיש פארן היינטיקן פוילן: דעם 27סטן מאי 1995 האָבן אומבאוווּסטע פארברעכער אויפגעבראָכן די שיל און דעם אָנדענק-צימער אויף לובאַרטאָווסקע 10, ארויסגעגנבעט אלע עקספּאָנאטן און תשמישי קדושה. ס'איז אָנצונעמען, אז די גניבה אין אָנדענק-צימער האָט געהאט נישט נאָר קרימינעלע כוונות, נאָר אויך אנטיסעמיטישע אספּעקטן, ווי עס פּאסט פאר אזא לאנד ווי פוילן. מ'קאָן אָבער נישט פארזען דעם פאקט, אז אין דעם זעלבן פוילן, און גאנץ באזונדערס אין לובלין, דערשיינט א פארהעלטנישמעסיק רייכע, היסטאָרישע ליטעראטור, וועלכע באשעפטיקט זיך מיט יידיש לעבן, יידישער קולטור, ליטעראטור, רעליגיע - און אלץ אין פּאָזיטיוון זין. ס'זענען אויך פאראן פּאָלאקן, וואָס גיבן זייער ביישטייער צו שילדערן דעם פילפארביקן יידישן ביי‌טראג צו פוילן.

אומקערנדיק זיך צום ביכל פון פּאָרפּאָלק ווייס, וויל איך נאָך צוגעבן, אז אויסער די 37 זייטן מיט היסטאָרישע פאקטן און געשעענישן, זענען דאָרט נאָך פאראן 20 ז"ז אַנעקסן, וועלכע קלערן אויף צ"ב, וואָס איז אזוינס דער קראָקעווער טויער, דער גראָדזקע טויער, דער אלטער, יידישער בית הקברות, די שילן און בתי מדרשים, דער חוזה פון לובלין, יידישע טעאטערס, די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען, פּאָליטישע פארטייען, די יידישע פּרעסע, פּויליש-יידישע באציאונגען, די ישיבת חכמי לובלין און 5 טאבעלעס, וויפל יידישע דאָקטוירים (מיט די נעמען) די שטאָט האָט פארמאָגט (32), סטאָמאטאָלאָגן (29) און אנדערע פּראָפעסיעס און פאכן. דערנאָך גייט אן אויסטייטשונג וועגן דער באדייטונג פון יידישע יום-טובים, א ווערטערבוך (וואָס מיינט ארון הקודש, עשרת הדברות, ציצית - און נאָך און נאָך). צום סוף איז נאָך דא א רשימה פון ביכער וועגן לובלין, פון פוילישע און יידישע מחברים, אין די לעצטע יארן. מיט איין וואָרט - א מיני לעקסיקאָן פון כל טוב וועגן דער עיר ואם בישראל, און וועלכן יעדער לייענער, נישט נאָר א לובלינער, וועט געפונען אינטערעסאנטן, באלערנדיקן מאטעריאל וועגן לובלין.

# אויפן ראַנד פון מיין געבוירן-שטאָט

אדאם געלדמאַן, סאַן-פראַנציסקאָ

**מאַידאַנעק - לאַגער פון מאַסן-פאַרניכטונג אין א פאָרשטאָט פון לובלין. געשאַפן געוואָרן דורך די נאַציס אין האַרבסט 1941. די ערשטע קאַצעטלער זיינען געווען די סאָוויעטישע קריגס-געפאַנגענע...**

## 1

אין 1942 האָבן פון פאַרשידענע עקן אייראָפּע אָנגעהויבן אָנקומען טראַנספּאָרטן מיט יידן, פאַראורטיילטע אויף מאַסן-אויסראָטונג. ...פון 130 טויזנט יידן, וואָס זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן אין דעם קאָנצענטראַציע-לאַגער אין 1942-1943, זיינען 78 טויזנט געטויט געוואָרן גלייך נאָכן אָנקומען אהין. חוץ יידן, זיינען קיין מאַידאַנעק געשיקט געוואָרן פוילישע פויערן און סאָוויעטישע בירגער... אינגאַנצן זיינען אין מאַידאַנעק אומגעבראַכט געוואָרן אַרום 200 טויזנט יידן און 100 טויזנט פּאָליאַקן... די סאָוויעטישע אַרמיי האָט באַפרייט דעם לאַגער אין יולי 1944...

(פון דער ״קורצער יידישער ענציקלאָפּעדיע״ אין רוסיש)

...אין א פראָסטיקן יאַנואַר-טאָג 1991, אַדורכמאַכנדיק א מהלך פון טויזנטער מייל בין איך אָנגעקומען אין מיין היים-שטאָט לובלין. שוין אויף מאָרגן אינדערפרי האָב איך זיך אָוועקגעלאָזט אויפן ראַנד פון שטאָט, אינעם ״מלוכישן מוזיי פון אומקום און גבורה אין מאַידאַנעק״, אַן אוניקאַלער מוזיי אונטערן אָפענעם הימל, געשאַפן אויף דעם זעלבן פּלאַץ, וווּ מיט מער ווי א האַלבן יאָרהונדערט צוריק, האָבן די נאַציס אויסגעבויט א טויט-פאַבריק. דאָס איז א מוזיי, וואָס היט אָפּ דעם אָנדענק פון די אומגעהייערע פאַרברעכנס און חייִשער באַרבאַרישקייט, זיינע ״עקספּאָנאַטן״ זיינען - שטעכלדראָט און וואַכטורעמס, גאַז-קאַמער און אויוונס פון קרעמאַטאָריום, בערג אַש פון פאַרברענטע מענטשלעכע קערפּערס און בלעכענע פּלעשלעך פון טויט-גאַז...

אריינגייענדיק אין מוזיי, בין איך אַראָפּגעגאַנגען עטלעכע טרעפּלעך אויף דעם ״וועג פון כבוד און אָנדענק״, וואָס איז ענלעך אויף א מין תהום און אויסגעלייגט פון ביידע זייטן מיט שטיינער, אויף וועלכע ס׳זיינען אויסגעקריצט סימבאָלן פון יענע טראַגישע געשעענישן. אין סוף פון אָט דעם וועג האָט זיך דערהויבן א מאָנומענט אין פאָרם פון א טויער, געבויט פון ריזן-שטיינער.

עס איז געווען גאַנץ פרי, און איך בין געווען דער איינציקער באַזוכער אין מאַידאַנעק. אַרום איז געווען שטיל, בלויז קוים צו הערן, ווי דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס. ער האָט ווי א ווייסער ליילעך אַרומגעוויקלט די ערד, ממש ווי ער וואָלט געוואָלט באַהאַלטן פון זייטיקע אויגן אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אויף אָט דער ערד אין יענע שרעקלעכע פערציקער יאָרן.

דורך דעם לאַגער-טויער פלעגן אַדורכגיין טויזנטער און טויזנטער מענטשן - יידן פון פאַרשיידענע לענדער פון אייראָפּע, וואָס מען פלעגט זיי ברענגען אויפן לובלינער וואָקזאַל אין די איבערגעפּולטע לאַסט-וואַגאָנען, און דערנאָך האָט מען זיי געטריבן, אונטער א שטרענגער וואַך, פינף קילאָמעטער אויפן שאָסיי, וואָס האָט געפירט צו מאַידאַנעק. מיט טשעמאָדאַנען און זעק, אונטער דער וואַך פון עס. עס-לייט מיט הינט, פלעגן זיי זיך קאָלאָנענווייז דערנענטערן צו קליינע באַראַקן, לעבן וועלכע די פאַשיסטן פלעגן אַדורכפירן די סעלעקציע פון ניי-אָנגעקומענע. די, וואָס מען האָט געהאַלטן פאַר פיזיש אומפעיקע צו דער שווערער אַרבעט, פלעגט מען דעם זעלבן טאָג אומברענגען אין דער גאַז-קאַמער. א פאַרביילויפיקער בליק פון א תליין, א לייכטע באַוועגונג פון זיין האַנט אויף לינקס, איז געווען געגליכן צו א טויט-אורטייל. אין א סך פאַלן פלעגט מען זיך באַגיין אָן סעלעקציע. א גאַנצן טראַנספּאָרט האָט מען גלייך געשיקט אין קרעמאַטאָריום. ... *אין פרילינג 1943 פלעגן אין דער גאַז-קאַמער טאָגטעגלעך אומקומען אַרום 1000 יידן.*

## 2

... דער ״שוואַרצער״ וועג (אַזוי האָט מען אָנגערופן דעם פונעם טויער ביז דער גאַז-קאַמער) איז איצט געווען ליידיק. איך בין לאַנגזאַם געגאַנגען מיטן נידעריק אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אויף דער פאַרפרוירענער סטעזשקע. אין מיינע געדאַנקען האָב איך זיך דערמאָנט די עלטערן, דעם ברודער, די שוועסטער, וואָס איך ווייס נישט ביז היינט, ווען און וויאַזוי זיי זיינען אומגעקומען אין יענע ביטערע יאָרן. אפשר האָט דער בייזער גורל זיי אויך געבראַכט אויף אָט דעם פּלאַץ, וואָס איז אינגאַנצן א פּאָר טויזנט מעטער פון דער אייגענער היים? אפשר האָבן זיי געמאַכט זייערע לעצטע טריט אויף דער פאַרפרוירענער ערד פון מאַידאַנעק, וואָס איך טרעט איצט אויף איר? אפשר

וועל איך דאָ געפינען וועלכע-ניט-איז שפורן פון זייער אומקום? איך בין דאָך צוליב דעם געקומען אהער.

דער דירעקטאָר פונעם מוזיי, פאַן טשעסלאַוו רייצא, וועלכן איך האָב דערקלערט דעם ציל פון מיין באזוך, האָט מיך געבראכט אין א צימער מיט אן אויפשריפט אויף דער טיר: ״ארכיוו״. א טרויעריקע גניזה פון פרעמדע גורלות. לענגאויס די ווענט - קעמערלעך מיט די נעמען פון קאצעטלער. איך האָב זיך אריינגעלייענט אין יעדן בלעטל פון דער קארטאָטעק. אין בין געווען זיכער, אז שוין אויף דער נעקסטער זייט פון דער רשימה וועל איך געפינען כאָטש איינעם פון די טייערע פאר מיר נעמען. אָבער ליידער... נאָך לאנגע זוכענישן, האָב איך פארשטאנען, אז אין די רשימות פון מאידאנעק פיגורירן נישט מיינע אייגענע. פאן רייצאַ האָט מיר דערקלערט, אז א וועזנטלעכן טייל פון ארכיוו האָבן די נאציס פארניכטעט, אז די, וועלכע מען פלעגט שיקן אין דער גאז-קאמער, האָט מען בכלל ניט פארשריבן. חוץ דעם, אין מאידאנעק האָט מען געשיקט בלויז א טייל פון לובלינער געטאָ. די מערהייט איז אומגעקומען אין אנדערע טויט-לאגערן, וואָס זיינען ליקווידירט געוואָרן לאנג פארן סוף פון דער מלחמה. קיין שום ארכיוון פון דאָרט זיינען ניט געבליבן.
איצט בין איך ווידער אויף דעם פארשנייטן פעלד פון מאידאנעק. רעכטס פונעם ״שווארצן וועג״, אין די באראקן, ווו עס האָט זיך געפונען די ווירטשאפטלעכע אָפטיילונג פונעם לאגער, איז צונויפגעזאמלט אלץ, וואָס דערמאָנט וועגן דער געשיכטע פון מאידאנעק, וועגן דעם שוידערלעכן גורל פון זיינע קאצעטלער. דאָ זיינען זאכן פון די ארעסטאנטן, פאָטאָס, פלאקאטן... דורכגיין אינגאנצן אָט די מוראדיקע אויסשטעלונג איז איבער די מענטשלעכע כוחות...

אין איינעם פון די באראקן, הינטער די גראטעס, זיינען אויסגעשטעלט שיך, וואָס זיינען געבליבן פון די קאצעטלער. טויזנטער פאָר שיך, סאנדאלן, שטיוול. פארטריקנטע, צונויפגעשרומפענע און פארטונקלטע שיך... איך קאָן נישט אָפרייסן די אויגן פון א פאָר פרויישע שיך, וואס ליגן גלייך פאר מיר, ממש ביי די גראטעס. אמאָל זיינען זיי געווען ווייס. די פאָדעשווע איז ניט ביזן סוף אָפגעריסן (געזוכט גאָלד און צירונג). איך באמי זיך פאָרצושטעלן די פרוי, וועמען געהערן אָט די שיך. זי האָט זיי איבערגעלאָזט אונטער דער באנק, געהאָפט זיי ווידער אָנטאָן נאָך דער באָד. מער האָט זי זיי ניט געזען. זי איז אוועק אויף יענער וועלט באָרוועס. פון איר איז גאָרנישט ניט פארבליבן, חוץ אָט די אָפגעטראָגענע שיך... *נאָכן באפרייען דעם לאגער, האָט מען דאָרט געפונען 820 טויזנט פאָר שיך פון די אומגעבראכטע קרבנות...*

קעמלעך, בערשטלעך, שערלעך... די נאציס האָבן אריבערגעשיקט אין זייער ״פאָטערלאנד״ דאָס אייגנטום פון אומגעבראכטע דורך זיי מענטשן אויף מיליאָנען מארק... קעמלעך און בערשטלעך זיינען ניט געווען ווערט. האָט מען זיי איבערגעלאָזט אין מאידאנעק. זיי זיינען געבליבן דאָ, כדי צו דערמאָנען וועגן דעם גורל פון געבראכטע אהער מענטשן, וועגן דער פרעצעדענטלאָזער בארבארישקייט פון איינע און וועגן אומדערטרעגלעכע ליידן פון אנדערע. איך האָב אויך געזען די געפאסטע היטלעך - א טייל פון דעם ארעסטאנטן-״אנצוג״, וואָס מען פלעגט עס רופן ״פאסיאקי״. ס׳איז נישטאָ קיין סוף צו זיי. וואָס איז דער גורל פון די קאצעטלער, וואָס האָבן געטראָגן אָט די היטלעך? צי האָבן זיי לאנג געליטן פאר דעם, ווי זיי האָבן שוין מער ניט באדארפט האָבן די היטלעך? און אפשר האָט זיך עמעצער פון זיי געראטעוועט?

## 3

און דאָ זיינען פאמיליע-פאָטאָס פון די ארעסטאנטן. א שמייכלענדיק מיידל. א יונג פאָרל. א יינגל אין א זשאקעטל מיט מעטאלענע קנעפלעך. א גאנצע משפחה. א קינד... ווער פון די דאָזיקע מענטשן, וואס האָבן פאָזירט פארן פאָטאָגראף פאר דער מלחמה, האָט געקאַנט זיך פאָרשטעלן, אז ער וועט אָנקומען אין אזא גהינום, וואָס אפילו דער גרויסער דאנטע האָט ניט געקאָנט זיך אזוינס פאָרשטעלן. איך האָב געזוכט אין די פאָטאָס באקאנטע שטריכן...

אין אן אנדער באראק - אויך פאָטאָס... פון באנדיטן און רוצחים אין די עס.עס.-מונדירן. זיי פלעגן פארנעמען אין מאידאנעק פארשיידענע שטעלעס - פון לאגער-קאָמענדאנטן ביז אויפזעער. דעם לאגער האָבן ״באדינט״ 1200 פאשיסטן. בלויז 130 פון זיי זיינען געמשפט געוואָרן. אין מאידאנעק האָבן זיך געביטן פינף קאָמענדאנטן. דריי פון זיי האָט מען פארמשפט אויף טויט, צוויי האָבן די דייטשן אליין דערשאָסן, ווייל זיי האָבן צופיל געגנבעט פון דעם צוגערויבטן פארמעגן פון די קרבנות. איינער פון זיי איז געווען דער ערשטער קאָמענדאנט פון דעם לובלינער קאָנצענטראציע-לאגער, אָטאָ קאָך, וואָס האָט, פונקט ווי זיין פרוי אילזא קאָך (״מכשפה פון בוכענוואלד״) באקומען א שוידערלעכן ״שם״ פון א בארבאר און סאדיסט, זייענדיק קאָמענדאנט אין בוכענוואלד.

אויף די פאָליצעס - ליידיקע בלעכענע פלעשלעך (ווי פון פארב). אויף אייניקע פון זיי קאן מען איבערלייענען אויף דייטש: ״טויט-גאז ״ציקלאָן״. אין אָט די פלעשלעך איז געווען דער טויט-סם ״ציקלאָן ב״, וואָס האָט אין משך פון א פאָר מינוט געקאָנט אומברענגען הונדערטער מענטשן. *די דאָקומענטן באווייזן, אז אין מאידאנעק האָט מען געבראכט 7700 קילאָ פון אָט דעם סם.*

עקספּאָנאטן אין אנדערע באראקן דערציילן וועגן דעם, וויאזוי מען האָט די קאצעטלער געמוטשעט, געשלאָגן, געטריבן מיט הינט. וויאזוי מען האָט זיי

געהאָנגען, געטרונקען אין פעסער מיט וואסער, געשטעלט צווישן צוויי רייען שטעכלדראָט, איבער וועלכן מען האָט געלאָזט אן עלעקטרישן שטראָם פון הויכער שפאנונג... וויאזוי מען פלעגט צווינגען אויספירן אומנוצלעכע, אומזיסטע ארבעט - שלעפן אויף וועגעלעך שווערע שטיינער פון איין עק פעלד אויפן אנדערן, און דערנאָך זיי אומקערן צוריק. צענדליקער, הונדערטער ”עקספּאָנאטן”, וואָס זאָגן עדות וועגן דער אנטפלעקונג פון די נידעריקסטע אינסטינקטן, וואָס זיינען אומבאגרייפלעך פארן מענטשלעכן פארשטאנד, וועגן חייישער שינאה און שוידערלעכער בארבארישקייט.

שטילקייט האָט געהערשט אין אָט דער ריזיקער גניזה פון מענטשלעכע ליידן און צרות. מיר האָט זיך געדאכט, אז דורך אָט דער שטילקייט האָבן זיך דורכגעשלאָגן שטילע אָנקלאגעס און ביטעס פאר הילף, תפילות פאר רעטונג און קללות אויף די פייניקער. קיינער אין דער וועלט האָט ניט געהערט אָט די שטילע געשרייען, צו קיינעמס אויערן זיינען ניט דערגאנגען אָט די תפילות. קיינער האָט ניט אויסגעשטרעקט די האנט פאר הילף...

אויסגעפייניקטע און הונגעריקע מענטשן הינטערן שטעכלדראָט האָבן זיך קעגנגעשטעלט די רוצחים, ווי ס'איז נאָר געווען מעגלעך. אונטערגעהאלטן און געהאָלפן איינער דעם אנדערן. איינשטעלנדיק דאס לעבן, פלעגן זיי קריגן שפּייז-פּראָדוקטן, רפואות, קליידער, זיך געטיילט מיט די חברים. געפּרוווט אנטלויפן פונעם לאגער. אן ערך 300 קאצעטלער זיינען מצליח געווען צו אנטלויפן, צווישן זיי - 100 סאָוויעטישע קריגס-געפאנגענע.

*איינער פון די קאצעטלער אין מאידאנעק איז געווען דער לעגענדארער גענעראל דמיטרי קארבישעוו, וועלכן די נאציס האָבן פארפייניקט אין 1945 אינעם טויט-לאגער מאטהאוזען.*

## 4

א פלאץ, וואָס איז ארומגערינגלט מיט שטעכלדראָט, מען האָט עס גערופן ”פעלד”. דאָ זיינען געווען באראקן, אין וועלכע עס האָבן געוווינט די קאצעטלער. אויף אזעלכע פלעצער פלעגט מען די קאצעטלער אויסשטעלן יעדן טאָג אויף קאָנטראָל. שעהן-לאנג זיינען זיי געשטאנען... אויך אויפן רעגן, אין די פרעסט. איך קוק אריין אין איינעם א באראק, וואָס איז ענלעך אויף א שטאל, מיט קליינע פענצטערלעך אונטערן דאך און מיט א ריזיקן טויער אנשטאט די טיר. דריישטאָקיקע נארעס. האלב-צעפוילטע מאטראצן און קאָלדרעס. דאָ האָבן זיי ”געוווינט”, די ארעסטאנטן פון מאידאנעק, אין שוידערלעכער ענגשאפט, אָן עלעמענטארע מענטשלעכע לעבנס-באדינגונגען. דאָ פלעגן זיי שטיל אויסגיין פון הונגער, קראנקייטן, קלעפּ...

איך שטיי פארן מאזאָלעום. עס איז א מאָנומענט אין פאָרם פון אן איבערגעקערטן בעכער, אין וועלכן מען פלעגט צונויפשיטן דעם אש פון די פארברענטע אין מאידאנעק מענטשלעכע קערפּערס. א ריזיקע קופּע אש. דריי יאָר פלעגט מען אויסגראָבן פון דער ערד און ברענגען אהער אָט דעם אש. זייער לאנג בין איך געשטאנען אונטערן קופּאָל פון דעם מאזאָלעום, פאר דעם אָפענעם קבר פון די קרבנות פון לובלינער קאָנצענטראציע-לאגער. שרעקלעכע געדאנקען זיינען געקומען אויפן זינען. פון וויפל מענטשלעכע לעבנס באשטייט אָט דער בעכער מיט אש? וויפל פון זיי זיינען געווען דערשאָסן? וויפל - דערשטיקט? עס האָט זיך געוואָלט גריבלען צווישן די אנאָנימע שטויבלעך און פרוּוון אָפּזוכן די רעשטלעך פון מיינע אייגענע. איך האָב געפילט, אז איך פארליר די חושים. די ליפּן האָבן שטיל געשעפּטשעט ”קדיש”. איך האָב זיך ארומגעקוקט, א זוך געטאָן א שטיינדל און אים אוועקגעלייגט אויפן ראנד פונעם בעכער. אזוי ווי דער מינהג איז... נאָר דעמלט האָב איך באמערקט די אויסגעקריצע אויפשריפט אויף דעם בעכער פונעם מאזאָלעום אין פּויליש: ”זאָל אונדזער גורל אייך וואָרענען”...

א ביסל אין א זייט פונעם מאָנומענט - ניט-פארשאָטענע גריבער. דאָ האָבן די נאציס דעם 3טן נאָוועמבער 1943 דערשאָסן 18400 יידן. יענעם טאָג האָט דאָ פון אינדערפרי ביז ביינאכט געדונערט די שיסעריי. און עס האָט געשפּילט מוזיק... צו פארקלאפן די געשרייען פון גוססדיקע מענטשן. אָט די פארברעכערישע אקציע האָבן די תליינים אָנגערופן ”יום-טוב פון גרעטעניש”. דער טויט אליין האָט געשניטן אָט די בלוטיקע גרעטעניש.

גאז-קאמער. א געביידע, וואָס איז פונקט ענלעך אויף א באָד, מיט דושן, הילצערנע גראטעס אויפן דיל. גאָרניט דערמאָנט נישט דאָ דאָס, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען מיט פינף יאָרצענדליקער צוריק. בלויז א קליינע לאָך אין דער סטעלי! דווקא דורך אָט דער לאָך פלעגט דער טויט אומדערוואַרט אָנפאלן אויף מענטשן, וואָס זיינען געווען זיכער, אז זיי גייען זיך באָדן. אנשטאט וואסער, פלעגט אויף זייערע קעפּ זיך שיטן פּראָשעק, פון וועלכן ס'האָבן זיך אויסגעטיילט שטראָמען פונעם טויט-גאז. אין געציילטע מינוטן פלעגן מענטשן זיך דערשטיקן מיט אָט דעם גאז.

גאלינא בירענבאום, וואס איז געבראכט געוואָרן קיין מאידאנעק פון ברענענדיקן ווארשעווער געטאָ, זייענדיק 14 יאָר אלט, דערציילט, אז איינמאָל האָט מען זי אינאיינעם מיט אנדערע פרויען פארשפּארט אין דער גאז-קאמער. זיי זיינען געזעסן אויף בענק, ווארטנדיק, אז אָט-אָט קומט דער טויט... אזוי זיינען זיי דורכגעזעסן א גאנצע נאכט, על-פּי נס לעבן געבליבן. אינדערפרי האָט מען אלעמען אומגעקערט אין באראק. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז יענע נאכט האָט מען ניט באוויזן ברענגען דעם גאז...

איבער דער געביידע פון קרעמאטאָריום - זייער א הויכע קוואדראטנע רער, און לעבן איר - אָפענע לעכאלעך פון פינף ריזיקע אויוונס. פון אָט דער רער פלעגט דאן בייטאָג און ביינאכט גיין א שווארצער, געדיכטער רויך. אין אָט די אויוונס פלעגן זיך פארוואנדלען אין אש צונויפגעלייגטע אין אייזערנע גראטעס מענטשלעכע קערפּערס. צי האָט מען אין די דאָזיקע אויוונס פארברענט בלויז טויטע קערפּערס?

## 5

אויפן לעצטן משפט קעגן די פארברעכער פון מאידאנעק, פּאָרגעקומען אין דיסעלדאָרף אין 1975, האָט איינער פון די באשולדיקטע דערציילט: "איינמאָל האט מען געבראכט צום קרעמאטאָריום 10 מענער און איין פרוי. לויטן באפעל פונעם שעף פון קרעמאטאָריום, מוספעלד, האָבן די מענער זיך אויסגעטאָן, און מען האָט זיי גלייך דערשאָסן. דערזעענדיק דאָס, האָט די פרוי זיך אָפּגעזאָגט אויסצוטאָן. דאן האָט מוספעלד באפוילן זי בינדן און אריינוואַרפן אין ברענענדיקן אויוון".

אמאָל, אין ווייטן מיטלאלטער, אין טאָלעדאָ און אין אנדערע שטעט פון פירענייער האלב-אינדזל, פלעגן די אינקוויזיטאָרן פארברענען אויף שייטערס יידן, אָנגעטאָענע אין שווארצע סוטאנעס. און אין דער מיט פון געבילדעטן צוואנציקסטן יאָרהונדערט האָבן דייטשן, אָנגעטאָענענע אין שווארצע מונדירן, אין מאידאנעק און אין אנדערע פלעצער פון אָקופּירטן פּוילן, גענוצט פאר דעם די מעכטיקע אויוונס פון קרעמאטאָריומס.

דער קורצער ווינטערדיקער טאָג, האָט געהאלטן ביים אויסלאָזן זיך. איך בין געגאנגען צום ארויסגאנג פון מוזיי אויף דעם זעלבן "שווארצן וועג", פארביי די זעלבע באראקן, טרעטנדיק אויף דעם זעלבן סקריפּענדיקן שניי, פרוּוונדיק באהערשן דאָס אייגענע הארץ, וואָס האָט זיך געשלאָגן אין א משוגענעם ריטם, פּרוּוונדיק באקעמפן דאָס געפיל פון אומבאהאָלפנקייט, וואָס האָט מיך ארומגעכאפּט נאָך אלץ, וואָס איך האָב דאָ געזען, אויף אָט דער הייליקער און פארשאָלטענער ערד פון מאידאנעק. איך האָב דאָ ניט געפונען קיין שפּורן פון מיינע אייגענע, אָבער פון איצט אָן וועל איך האלטן פאר זייער קבר יענץ אָרט, ווו אונטער דעם קופּאָל פונעם מאזאָלעום, ווו עס זיינען "צו קבורה געבראכט" די קרבנות פון לובלינער טויט-לאגער.

... עס איז געווען א טיפער אָוונט, ווען איך בין צוריקגעקומען אויף דער צענטראלער גאס פון לובלין - קראקאָווסקע פּזשעדמיעשטיע. עס האָבן ליכטיק געגלאנצט די שויפענצטער פון געשעפטן. לאנגזאם זיינען געפאָרן די שטאָט-אויטאָבוסן, פארבייגעגאנגען מענטשן, וועגן עפּעס-וואָס לעבהאפטיק גערעדט. איך בין געגאנגען פארביי די פלעצער, וואָס איך קען פון קינדהייט אָן. אָט איז דער פלאץ ליטעווסקי, ווו מיר פלעגן אָפט שפּאצירן מיט דער מאמען. אָט איז דאָס הויז נומער 8 אויף דער גאס פון 3טן מאי, וואָס האָט געהערט צו מיין מומע. אָט איז בראמא קראקאָווסקא, וועלכע איך פלעג פארבייגיין, גייענדיק אין חדר... אלץ איז דאָ געווען פונקט ווי מיט א האלבן יאָרהונדערט צוריק. אין איינער א רגע האָב איך אָנגעהויבן צווייפלען, צי איז בכלל געווען מאידאנעק? אפשר האָב איך בלויז געזען א שוידערלעכן חלום?

ליידער... מאידאנעק, וואָס האָט אוועקגענומען הונדערטער טויזנטער יידישע לעבנס, איז געווען. עס זאָגט עדות וועגן דעם די יידישע שפּראך, וואָס איז אויף תמיד פארשוואונדן פון לובלינער גאסן... די פערציקטויזנטדיקע יידישע קהילה פון אָט דער שטאָט, וואָס איז כמעט אינגאנצן פארניכטעט געוואָרן... פרעמדע מענטשן, וואָס לעבן שוין לאנג אין דער דירה נומער 20 אויף דער פּראָבאָסטוואָ-גאס 19, ווו פאר דער מלחמה האָט געוווינט מיין משפחה...

אין דעם טויט-לאגער, וואָס די דייטשן האָבן אָנגערופן "לובלינער לאגער", און די גאנצע וועלט קען אים אלס "מאידאנעק", זיינען געווען קאצעטלער פון א סך פעלקער, אָבער בלויז יידן פלעגט מען נעמען אין דער גאז-קאמער, גלייך אינעם טאָג פון אָנקומען אינעם לאגער...



צעשא און לייבל אובליגנהארץ פארן קרעמאטאָריום אין מיידאנעק בעת זייער באזוך אין לובלין היינטיקס יאָר
צשה ואריה אובליגנהרץ ליד משרֵפַת המתים במאידנק בעת ביקורם בלובלין השנה

**האזכרה ביום 30.11.97, בבית לייוויק**
**רח' דב הוז 30 (פינת גורדון)**
**תחבורה: כל הקווים העוברים ברחובות דיזנגוף ובן-יהודה**

# יידן אין לובלין ערב דער צווייטער וועלט-מלחמה

שמחה בינעם ווייס / וואַרשע

## 1

נאָך 55 יאָר, איז שווער, אָן געריכטקייט, צו שילדערן די טראַגישע פאַרגאַנגענהייט פון דער שטאָט, ווו מ׳איז געוואָרן דערצויגן, ווו מ׳האָט פאַרבערענגט די יוגנט און ווו מ׳האָט קובר געווען אַלע נאָענטע מענטשן. מיינע דערינערונגען קאָנען דעריבער זיין עטוואָס בלייכע, אָדער איבערגעטריבענע. זיי רירן דאָך אָן מיינע סאַמע פּערזענלעכע און ווייטיקלעכע איבערלעבונגען און דעם גורל פון מיין באַליבטער שטאָט.

לובלין, וועלכע איך האָב פאַרלאָזט אין יאָר 1939, איז נאָכן צוריק קומען אין יאָר 1946, פאַרוואַנדלט געוואָרן פאַר מיר אין א בית-הקברות פאַר די איבערגעבליבענע דאָרט יידן. כ׳האָב שוין נישט געטראָפן דאָרט די מיט וועלכע איך האָב געלעבט, געוווינט און אַדורכגעמאַכט טרויער, ווי פרייד. מ׳האָט אויסגעמאָרדעט א פאָלק.

קאַצענעלנסאָן האָט געשריבן: ״אָט איז ער שוין אין ערגעץ נישטאָ, געשטאָרבן און נישט באַגראָבן״. נישטאָ אפילו די גאַסן, צו וועלכע כ׳בין אַזוי געווען צוגעבונדן. ס׳זענען אַנטשטאַנען נייע, אפשר שענערע?... און כאָטש זיי זענען מיר נישט פרעמד, בענקט זיך נאָך זיי. איך טרעף שוין נישט די, וועלכע האָבן דאָ געלעבט, געגאַנגען אין שול, צו דער אַרבעט, שפּאַצירן, דאַווענען. איך גיי אַדורך די נאָווע גאַס און באַגעגן נישט קיין איין ייד. זיי זענען אויך נישטאָ אויף לובאַרטאָווסקע, קאָוואַלסקע, רוסקע, די וואָליע, טשאָטשעק אָדער פּורמאַנסקע. נישט קיין זקנים, נישט קיין יינגע. גאָר פּשוט, נישטאָ קיין שפּור נאָך דער יידישער לובלין. מ׳האָט אַלעמען אומגעבראַכט אויף א גרויזאַמען אופן. און דאָס אַלץ איז נאָך נישט דערגאַנגען צו מיין באַוווסטזיין און איך זוך נאָך אַלץ דאָ די 40 טויזנט מענטשלעכע באַשעפענישן. א דריטל באַפעלקערונג פון דעמאָלטדיקן לובלין האָט מען פּשוט אויסגעמאָרדעט. ס׳איז שווער זיך היינט פאָרצושטעלן, וויפל טרערן, לײדן, הונגער און דערנידערונג האָבן באַגלייט די מאָרדן, דעם גרויזאַמען טויט מיט א קויל אין קאָפּ, אָדער אין גאַזקאַמער. געווען זענען דאָס יידן, וועלכע האָבן געלעבט אין דער שטאָט און זיך באַטייליקט אין איר אַנטוויקלונג הונדערטער יאָרן. אָט די יידישע לובלין האָט אויפגעהערט עקזיסטירן. הונדערטער יאָרן האָבן יידן איבערגעחזרט ״דור הולך ודור בא״ (״א דור פאַרגייט, א דור קומט״). אָבער איצט נישט. ער וועט שוין נישט קומען. אַלץ איז געוואָרן אויסגעריסן מיט די וואָרצלען. די שיינע שטאָט, מיט אַזעלכע רייכע יידישע טראַדיציעס, די שטאָט וואָס פון 16טן יאָרהונדערט האָבן יידן זי באַצייכנט ״ירושלים דפּולין״, אָדער ״די מאַמע פון ישראל״ - עקזיסטירט נישט מער.

## 2

דאָס יאָר 1939 איז פאַר יידן געווען דער אָנהייב פון סוף. פאַר די היטלעריסטישע רוצחים זענען געווען 3 יאָר אומצובריינגען לובלינער יידן, צוזאַמען מיט זייער גאַנצע דערגרייכונג פון א פיל יעריקער קולטור, בלויז דערפאַר ווייל זיי זענען געווען יידן.

נאָך דעם, אפשר געגנוג לאַנגן אַריינפיר, וויל איך זיך טיילן מיט איניקע דערינערונגען, וואָס האָבן א שייכות צו יידן אין לובלין ערב דער צווייטער וועלט-מלחמה. נאַטירלעך, אַז מען קאָן נישט פאָרשטעלן דאָס פילפאַרביקע און פולסירנדיקע לעבן אין שטאָט און פון די יידישע איינוווינער וואָס האָבן דאָ געלעבט פון 16טן יאָרהונדערט.

גרייכנדיק מיטן זכרון צו יענע צייטן אַלס ייד און איינוווינער פון דער שטאָט, וויל איך בקיצור איבערגעבן די אַמיינסטן כאַראַקטעריסטישע פראַגמענטן פונעם לעבן פון לובלינער יידן ערב זייער ענטגילטיקן טויט. ביזן יאָר 1939 האָבן אין לובלין געלעבט אַרום 43 טויזנט יידן, אויף אַן אַלגעמיינע צאָל איינוווינער פון 130 טויזנט. אַזוי אַרום איז יעדער דריטער איינוווינער פון דער שטאָט, געווען א ייד. זיי האָבן אין גרעסטן טייל געוווינט אין אַזוי גערופענעם ״יידישן קוואַרטאַל״. ער האָט זיך געפינען אין א דרייעק, וועמענס שפּיץ איז באַשטאַנען דער קראָקעווער טויער, דער לינקער אָרעם פון דעם דרייעק איז געווען די נאָווע גאַס, צוזאַמען מיט איר פּאַראַלעלע גאַס שוויענטאָדוסקע, וועלכע האָבן ביי דער קאָוואַלסקע זיך פאַראייניקט מיט דער לובאַרטאָווסקע מיט אירע זייטיקע גאַסן צירולניטשע, רוסקע, טשוואַרטעק, ביז דער א״ג לעווערטאָווער ראָגאַטקע. דאַקעגן דער רעכטער אָרעם, איז די בראַמאָווע גאַס, צוזאַמען מיט עטלעכע זייטיקע געסלעך, ווי: אָלעינאַ, ריבנאַ, יעזויצקאַ, שאַמבעלאַנסקאַ, גראָדזקאַ, קראַוויעצקאַ, שעראַ, ביז דער ביאַלקאָווא גוּרא. דער פונדאַמענט פון דעם דרייעק איז געווען די אוניצקע גאַס און קאַלינאָווטשיזנע, כמעט ביז טאַטאַרסקע. דער הויפּט-טייל פון דעם דרייעק, איז געווען די שעראָקע גאַס, וועלכע מ׳האָט אַמאָל גערופן די יידן-גאַס. זי האָט זיך אָנגעהויבן ביי דער קאָוואַלסקע און געענדיקט ביי דער רוסקע. דער טייל פונעם קוואַרטאַל איז כמעט אינגאַנצן געווען באַוווינט פון יידן.

מ׳דאַרף דאָ אויך דערמאָנען וועגן 3 פאָרשטעט, וואָס זענען אין א באַדייטנדיקן טייל געווען באַוווינט פון יידן. דאָס זענען געווען: זאַמד, וואָליע-קאַלינאָווטשיזנע און וויעניאַווע (טשעכיוו). דאָ איז די צאָל יידן געווען א פאַרהעלטניסמעסיק גרויסע.

## 3

די יידישע איינוווינערס פון לובלין האָבן געהערט צו עטלעכע עקאָנאָמיש-סאָציאַלע שיכטן. די צאָלרייכסטע גרופּע זענען געווען אַרבעטער, קליינהענדלער, קרעמער און אַזוי גערופענע

"נישט באוווסט פון וואָס זיי לעבן". א באדייטנדיקער טייל פון זיי האָט באלאנגט צו די אָרעמסטע איינוווינער פון שטאָט. ווייטער קומט די גרופּע פון האנטווערקער און אייגנטימער פון קלענערע ווארשטאטן. און צום סוף די גרויסע סוחרים, פאבריקאנטן און אינטעליגענץ. די פאבריק אייגנטימערס און די מערהייט ווארשטאטן האָבן באשעפטיקט צענדליקער ארבעטער. גענוג צו דערמאָנען, אז נאָר דריי גארבערייען אויף דער וואָליע, האָבן באשעפטיקט 300 יידישע ארבעטער. די יידישע אינטעליגענץ, פאבריקאנטן, אייגנטימער פון גרעסערע ווארשטאטן און הייזער, האָבן נישט געוווינט אין דער יידישער געגנט, נאָר דער עיקר אויף קראָקעווער פּאָרשטאָט, שאָפּענא גאס, 3טער מאי, טשיכע, נארוטאָוויטשא, קרולעווסקע. די דאָזיקע צעטיילונג, אין עקאָנאָמישן ווי אין קולטורעל-געזעלשאפטלעכן געביט, איז געווען א באדייטנדיקע. אין אלגעמיין, זענען קיין אנאלפאבעטן נישט געווען. פיל יידן פון די נידעריקע שיכטן האָבן, וואָס אן אמת, נישט געקענט קיין פויליש, נאָר כמעט די מערהייט, אזוי אין ריידן ווי אין שרייבן, האָט זיך באנוצט מיטן יידישן לשון.

אזויווי אין אנדערע שטעט, אזוי אויך אין לובלין, זענען געוויסע גאסן געווען פארבינדן מיט א וועלכער ס'איז ספּעציפישער האנדלס-בראַנזשע צי מלאכה. אזוי צ. ב. איז די נאָווע גאס געווען באוווּסט פון פארקויף פון אָנטאָן. די פארקויפער - די אייגנטימער פון די געשעפטן, האָבן הויפּטזאכלעך געהאט אייגענע שניידערײ-ווארשטאטן, גערופן האָט מען זיי "טאנדייטערס". דאָ האָט מען בוכשטעבלעך געקעמפט פארן קליענט. די קאנקורענץ איז געווען גרויס. די קונים, דער עיקר פויערן, אָדער די אָרעמע, מערסטנטייל די מיטלמעסיק פארמעגלעכע שיכט יידן און פּאָלאקן. אויף דער קאָוואלסקע גאס האָבן זיך איינגעאָרדנט די לעדער-געשעפטן. געווען דאָ הורטאָווניקעס און דעטאליסטן. די גאסן צירולניטשע און פורמאנסקע זענען געווען באהערשט פון טרעגערס און פורמאנעס. דאָ זענען געווען באוווּסט צוויי בארימטע הייף, צו וועלכע ס'זענען געקומען סוחרים פון די ארומיקע שטעטלעך. זיי האָבן געבראכט פּארטיקע אויסארבייטונגען און ארויסגעפירט רוישטאָפן און אנדערע סחורות. איינער פון די הייף האָט פארבונדן די צירולניטשע 5 און קאָוואלסקע 4 און מ'האָט אים גערופן "פייגאלע אברהם לייזערס הויף", און דעם צווייטן, אויף צירולניטשע 4, "ביַי באָרענשטיינען".

מאטעריאלן פון באקליידונג, ביינוול, וואָל און אנדערע סחורות, האָט מען געקענט קויפן אין די געשעפטן אויף לובארטאָווסקע גאס, אָנהייבנדיק פון נר. 2 ביז 14.

## 4

לובלין איז נישט געווען קיין הויך אינדוסטריעלע שטאָט, און אין די פוילישע פאבריקן האָט מען נישט באשעפטיקט קיין יידן. אזוי האָט אויך אויסגעזען די יידן-פראגע אין די אינסטיטוציעס און מלוכהשע אמטן. דערפאר האָט אַן אָנגעזעענער טייל פון דער יידישער באפעלקערונג זיך באשעפטיקט מיט האנדל און מלאכה. אין לובלין זענען אין יאָר 1939 געווען 2588 האנטווערקער-ווארשטאטן, וואָס האָבן פארמאָגט די "קאַרטאַ זשעמיעשלניטשא". פון זיי - 1065 קריסטלעכע אונטערנעמונגען און 1523 יידישע.

אין געוויינלעכע טעג, אויף די גאסן, באזונדערס פון האנדל, איז די באוועגונג געווען א גרויסע. נישט נאָר פון די שטענדיקע, לובלינער איינוווינער, נאָר פון אן אָנגעזעענעם טייל צוגעפאָרענע פויערן, אפילו פון די ווייטערע דערפער, וואָס האָט דערפירט צו פארפולטע גאסן, א גערעדעריי, געלעכטער און אויך קליינע מחלוקתן. אזוי איז געווען א גאנצע וואָך, מיטן אויסנאם פון שבתים און יום-טובים. אין די יום-טוב טעג האָט דער גאנצער יידישער קווארטאל אָנגענומען אינגאנצן אן אנדערן אויסזען. די געשעפטן, ווארשטאטן - פארמאכט. די טרעגערס און פורמאנעס האָבן געיִומטובט. די קרעמער און דער א. ג. "האנט"-האנדל איז אינגאנצן פארשוווּנדן. יידן - יום-טובדיק אָנגעטאָן. די מענער אין שווארצע, אלאפּאגענע אָדער זיידענע קאפּאָטעס און סאמעטענע היטלען, די פרויען אין יום-טובדיקע קליידער, זענען געגאנגען אין די שילן און בתי-מדרשים, ווי אויף א שבתדיקן שפּאציר, אָדער מיט א וויזיט צו קרובים און באקאנטע. די קינדער האָבן זיך געשפּילט אויף די גאסן און פלעצער. א גרויסער טייל לובלינער יידן האָבן זיך אָנגעהערט צו דער קהילה (גמינע), וועלכע האָט אויסער רעליגיעזע ענינים, געפירט אויך א סאָציאל-קולטורעלע און כאריטאטיווע טעטיקייט. וועלכע האָט ארומגענומען די תלמוד-תורה, שפּיטאָל, יתומים הויז און מושב זקנים, טאָז, קינדער-באשפייזונג, מיקוואות און בתי-הקברות. די דאָזיקע הילף האָט מען אָנגעווענדעט כסדר, אָדער ספּאָראדיש.

צו די אמיינסטן באוווּסטע, כאריטאטיווע אינסטיטוציעס, האָבן געהערט: פת לאורחים, הכנסת כלה, הכנסת אורחים, לינת הצדק, אחיעזר, תומכי נופלים.

די סובווענצן באשטימט פאר דעם ציל זענען נישט געווען קיין גרויסע. לאָמיר דערמאָנען, אז אין די יאָרן 1936-1937 האָט דער יערלעכער בודזשעט פון דער קהילה באטראָפן 250 טויזנט זלאָטיס.

צו דער קהילה-פארוואלטונג אין יאָר 1936 האָט מען אויסגעוויילט 14 פּערזאָן. שלמה הערשענהאָרן, אדוו' באך, אוריש צימערמאן און אנדערע. צו יענער צייט איז פּרעזעס פון דער גמינע געווען האלבערשטאט, און וויצע-פּרעזעס שלמה קעסטענבערג.

געבעט-הייזער (שילן, בתי-מדרשים, שטיבלעך) איז געווען כמעט 100. באזונדערס הינטערן שלאָס. די גרעסטע און אמיינסטן באקאנטע שיל איז געווען די מהרש"ל-שיל און מהר"ם שיל, וועלכע האָבן געקאָנט אריינעמען העכער 330 מתפּללים און א 500 פרויען. ווייטער איז געווען די א. ג. "לויפער-שיל", הינטערן שלאָס, ווו ס'האָבן געדאוונט די קירזשנער. איינע פון די באקאנטע שילן איז געווען פארבינדן מיט נאָמען שאול וואהל, דער לעגענדארער, איינטאָגיקער קיניג. מ'דארף אויך דערמאָנען די אלטע שיל אויף שעראָקע 2, ווו ס'האָבן געדאוונט דער עיקר, קאָטליארעס, און פונדאנען שטאמט דער נאָמען די קאָטליאר-שיל. זי איז געוואָרן אויפגעבויט אויפן סמך פון א פּריווילעגיע פון פוילישן קיניג ווּלאדיסלאוו דער פערטער, אין יאָר 1641. אויסער דעם זענען געווען א צאָל בתי-מדרשים, וואָס מיר וועלן נאָר אויסרעכענען די גרעסערע: פון חוזה, אויף שעראָקע 28, די פּארנאס-שיל אויף שעראָקע 44, אויפגעבויט פון אברהם האלפערן אין 18טן יאָרהונדערט און דאָס בית

המדרש פון דער חברה נושאים אויף לובארטאווסקע 4 (היינט 10), ווו ס'איז היינט אָפּן דער "אָנדענק-צימער". מ'דארף דערמאָנען, אז ס'זענען אויך געווען "שטיבלעך" פון גערער חסידים, ראדזינער, קאָצקער, טשאָרטקאָווער און אנדערע. אזעלכע "שטיבלעך" זענען געווען א 15.

שטענדיק אין די שבתים און יום-טובים, זענען די געבעט-הייזער געווען איבערפולט. עטלעכע ווערטער דארף מען ווידמען דער עלטסטער און גרעסטער שיל אין לובלין, ווי ס'איז געווען די מהרש"ל- און מהרם-שיל, וועלכע איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין יאָר 1567. אייניקע מאָל געוואָרן איבערגעבויט, צוליב אויסגעבראָכענע שריפות, איז געווען דער שטאָלץ פון יידישן לובלין. ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו דערמאָנען דוד קעללער, וועלכער האָט געהאט דעם בכבודיקן אמט פון א בעל-קורא. זיין שיין קול און דיקציע, האָבן פייערליך אָפּגעקלינגען אין דעם ריזיקן, אקוסטישן זאל און פיל לובלינער יידן געדענקען אויסגעצייכנט די צערעמאָניעס מיט גערירטקייט און צויבער. צווישן די פיל חזנים אין דער שיל, דארפן דערמאָנט ווערן ישראל רודניצקי, וואָס איז געקומען פון זאמאָשטש. (דער זון פון רודניצקין, פּראָפּ' אראד, איז געווען דירעקטאָר פון יד ושם אין ירושלים).

## 5

די עקאָנאָמישע באדינגונגען פון די ארבעטער און אָנגעשטעלטע אין די יידישע געשעפטן, ווי די ארבעטער אין די גרעסערע ווארשטאטן, זענען געווען דער מאָטיוו פאר דער אנטשטייאונג און אנטוויקלונג פון יידישן פּראָלעטאריאט, וועלכער האָט אָנגעהויבן א קאמף מיט זיינע "ברויטגעבערס". צו די גרעסטע פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען האָבן באלאנגט: דער טראנספּאָרט-פאראיין (טרעגערס), דער האנדלס-אָנגעשטעלטער פאראיין מיט עטלעכע סעקציעס. נאָך איין לעדער-פאראיין האָט געציילט העכער 550 פּוילישע און יידישע ארבעטער, באשעפטיקטע אין די גארבערייען אויף קאלינאָווסטשיזנע. דער דרוקער-פאראיין האָט ארומגענומען ארבעטער, באשעפטיקטע אין דער יידישער צייטונג "לובלינער טאָגבלאט" און אין עטלעכע דרוקערייען. באוווסטע טוערס אין דעם פאראיין: רייכענשטיין, שטאָקפיש, גאָלדבערג, בינשטאָק און אנדערע.

דער פאראיין פון יידישע האנטווערקער איז אנטשטאנען אין יאָר 1926 און געפירט א ברייטע געזעלשאפטלעך-פּאָליטישע און קולטורעלע טעטיקייט. די גרינדערס פון דעם פאראיין זענען געווען: בעריש קרעמפּעל, הערצמאן, וואסערשטרום און אנ"ד. אין 1928 איז ביי דעם פאראיין געשאפן געוואָרן די א.ג. כאלופּניקעס-באנק. דער פאראיין האָט זיך געפונען אויף קראקאָווסקע פשעדמיעשטשע 26, און די באנק אויף לובארטאָווסקע.

די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען זענען הויפּטזעכלעך געווען געשטיצט דורך דעם יידישן ארבעטער-בונד "בונד" און דער לינקער ציוניסטישער אָרגאניזאציע "פּועלי-ציון". פאָרשטייער פון די פּארטייען זענען אָפט געווען פארטרעטן אין שטאָטראט און אקטיוו זיך באטייליקט אין די ארבעטן פון דער יידישער גמינע. אין אלגעמיין, זענען אלע פּראָפ. פאראיינען געווען פארבונדן מיט דעם א.ג.קולטור-ראט. פון די טוערס דארף מען אויסרעכענען: קרעמפּעל, לערער, דובינסקי. די לובלינער פּראָפ.-פאראיינען האָבן א רייכע געשיכטע און פארדינען א ספּעציעלע אָפּהאנדלונג, ווייל זיי שפּיגלען אָפּ אין אַ גרויסער מאָס דאָס לעבן פון א באדייטנדיקן טייל פון דער ארבעטנדיקער באפעלקערונג פון שטאָט.

א וויכטיקע, געזעלשאפטלעכע ראָל האָט אין לובלין דערפילט דאָס יידישע שפּיטאָל. ער האָט פארמאָגט עטלעכע יסודותדיקע אָפּטיילונגען, מיט הונדערט בעטלעך פאר קראנקע. איר לאנגיאָריקער דירעקטאָר און אָרדינאטאָר איז געווען ד"ר צינבערג, וועלכער איז אין שפּיטאָל געווען טעטיק פון יאָר 1898 ביז 1936. אין דעם שפּיטאָל האָבן געארבעט באוווּסטע אין לובלין דאָקטוירים: טענענבוים, זיגעלוואקס, פלאָטקין, קאגאן, זיפער, פרוסאַק, זיידמאן און פיל אנדערע. ד"ר מאנדעלבוים איז געווען שפּיטאָל-דירעקטאָר פון יאָר 1936.

ס'איז אויך צו באמערקן די טעטיקייט פון טאָז און ד"ר הערשענהאָרן, וואָס איז געוואָרן בארימט מיטן אָרגאניזירן האלב-קאָלאָניעס פאר אָרעמע, יידישע קינדער פון לובלין (1200 קינדער יעדעס יאָר). מ'האָט אים גערופן "קאָרטשאַק". מ'דארף אויך נישט פארגעסן די אינסטיטוציע "ביקור חולים", וועלכע האָט זיך פארנומען מיט אויפזיכט איבער קראנקע און אלטע לייט אין די היימען. די אינסטיטוציע איז געווען טעטיק אין כמעט יעדן קווארטאל פון שטאָט.

ס'איז נישט געווען אין פוילן קיין פּאָליטישע פּארטיי, וואָס זאָל נישט האָבן איר פיליע אין לובלין. צו די גרעסטע האָבן געהערט, ווי שוין דערמאָנט, דער "בונד" און "אגודת ישראל", וועלכע האָט ארומגענומען רעליגיעזע יידן, מיטן סיים-דעפּוטאט הרב מאיר שאפּיראָ - ראש-ישיבה פון דער "ישיבת חכמי לובלין".

אן ערנסטע ראָל אינעם געזעלשאפטלעך-פּאָליטישן לעבן פון יידן אין לובלין, האָבן געשפּילט די ציוניסטישע פּארטייען, אָנהייבנדיק פון די עקסטרעם רעכטע, די רעוויזיאָניסטן און ענדיקנדיק מיט השומר הצעיר און לינקע פּועלי-ציון. ס'איז אויך געווען טעטיק די אומלעגאלע קאָמוניסטישע פּארטיי, צו וועלכער ס'האָבן געהערט ארבעטער און פּאָרגעשריטענע יוגנט. ס'איז באקאנט פון דער תקופה דער גרויסער פּאָליטישער פּראָצעס פון מעיערסאָנען. די טעטיקייט פון די פּאָליטישע אָרגאניזאציעס האָט געהאט א גרויסע ווירקונג אויף דער אנטוויקלונג פון געזעלשאפטן און אָרגאניזאציעס. צו זיי האָט געהערט צ.ב. די קולטור-ליגע". די דאָזיקע אָרגאניזאציעס האָבן פארמאָגט אייגענע ביבליאָטעקן מיט א גרויסע צאָל ביכער און צייטשריפטן, פּוילישע און יידישע. ס'זענען דאָרט פּאָרגעקומען ליטעראַרישע אָוונטן, דיסקוסיעס און ארטיסטישע אָוונטן, אינטערעסאנטע רעפעראטן, נישט נאָר מיט אָרטיקע רעדנערס. די אָרגאניזאציעס האָבן אָפּט אויך באזיצט אייגענע כאָרן און אָרקעסטערס.

## 6

לובלין האָט פארמאָגט איר טעאטער, אין דער געביידע פון קינאָ פאנטאַזיאָן, אויף דער יעזואיצקע גאס. דאָרט האָט מען פאָרגעשטעלט 2-3 מאָל אין וואָך, באקאנטע פּיעסן. מיטן

אנטייל פון אזעלכע ארטיסטן, ווי אידא קאמינסקא, יאָנאס טורקאָוו, מאָריס שווארץ, דינה האלפערין, רודאָלף זאסלאווסקי, דזשיגאן און שומאכער אא״נד. הגם דאָס איז נישט געווען קיין סטאבילער טעאטער, האָט ער דערפילט זיין קולטורעלע שליחות. אלע ארטיסטישע און אדמיניסטראטיווע ענינים האָט אָפּגעהיטן דער דירעקטאָר טראכטענבערג.

אין לובלין האָבן פונקציאָנירט עטלעכע צענדליק חדרים, אמיינסטן אויף דער נאדסטאוונע גאס. אין חדר האָט מען געשיקט קינדער, נאָכן ענדיקן 3 יאָר. מ׳האָט זיי דאָרט געלערנט אויף א זייער פרימיטיוון אופן, מיט א מעטאָד פון ״איינקנעלן״ פון אויסנווייניק געוויסע אותיות, ווערטער און אפילו גאנצע זאצן. פון כמעט אלע טירן און פענצטער אויף דער נאדסטאוונע, האָט מען געהערט די שטימען פון די יונגע תלמידים און זייערע מלמדים. די קינדער פון די גאָר אָרעמע עלטערן, האָט מען געשיקט אין דער תלמוד תורה, וווּ מ׳האָט געלערנט אומזיסט.

דאָס יידישע שול-וועזן אין לובלין האָט שטאָלצירט מיט דריי גימנאזיומס: שפערס אויף דער זאמויסקע גאס, (ליקווידירט אין די דרייסיקער יאָרן), גלאזבערג אויף דער ראדזשיווילאָווסקע (האָט עקזיסטירט בלויז עטלעכע יאָר) און די הומאניסטישע גימנאזיע אויף ניעצאלע. די געביידע אויף ראדזשיווילאָווסקע האָט מען באָמבארדירט אין 1939סטן יאָר. דעמאָלט איז אומגעקומען אונדזער באליבטער דינער (וואָזשני) נייהאוז מיט זיין גאנצער פאמיליע. ער פארדינט אים צו דערמאָנען, ווייל ער איז געווען אן אמתער פריינד פון דער יוגנט. ער האָט אלץ געוווסט פון דער גימנאזיע און פון אונדז. ער האָט איבערגעלעבט אונדזערע זאָרגן און פרייד. מיט יעדן איינעם פון אונדז, האָט ער מיטגעלעבט דעם מאטורע-עגזאמען און ביי דער געלעגנהייט געזאָגט: ״היי-יאָר וועלן מיר נאָר געבן 25 מאטורעס״.

דירעקטאָר פון גימנאזיום איז געווען פאסטערנאק. פון די לערער קאָן איך אויסרעכענען: בלומענטאל, טראונער, יובל, פעצינער, אש, מאנדעלקערן און זיין ווייב.

פאר לערנען אין גימנאזיע, האָט מען באדארפט צאָלן. בלויז א קליינע צאָל יוגנטלעכע, האָט געקאָנט געניסן פון הנחות. א טייל יוגנט האָט געקאָנט לערנען אין די שטאָטישע גימנאזיעס, ווו די אָפּצאָלן זענען געווען ממש סימבאָלישע. די יסודותדיקע לימודים זענען געווען אין די גרונט-שולן (״פּאָוושעכנע״). אין לובלין זענען געווען 2 שולן ווו די אונטעריכט-שפראך איז געווען יידיש: די י.ל. פרץ-שול אויפן טשאָטעק און די באָראָכאָוו-שול אויף רוסקע 18. איין תרבות-שול, ווו די אונטעריכט-שפראך איז געווען העברעיש, געגרינדעט אין יאָר 1927. געווען אויך א רעליגיעזע מיידל-שול ״בית-יעקב״. די מערהייט יידישע קינדער האָבן געלערנט אין די שטאָטישע שולן, ווו די אונטעריכט-שפראך איז געווען פויליש.

ס׳האָבן אויך עקזיסטירט פרעבל-שולן. דער אָפּצאָל דאָרט איז געווען א גענוג הויכער און בלויז א קליינער טייל יידישע קינדער האָט געקאָנט פון זיי געניסן. עטלעכע אזעלכע פרעבל-שולן האָבן געפירט ווילטעטיקע אָרגאַניזאציעס. מיט די יידישע שולן האָט אָנגעפירט די צענטראלע יידישע שול-אָרגאניזאציע - ציש״אָ.

מיטן אנטוויקלען דאָס יידישע וואָרט האָט זיך פארנומען די יידישע פרעסע: די טאָג-צייטונג ״לובלינער טאָגבלאט״ און וואָכן-צייטונג פון ״בונד״ - ״לובלינער שטימע״.

אן אקטיווע טעטיקייט האָבן געפירט אין שטאָט די ספּאָרט-קלובן. דער ערשטער איז געווען ״שמשון״, געגרינדעט אין 1918. די קלובן זענען געווען פאטראָנירט פון די פּאָליטישע פארטייען און פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען.

# 7

מ׳דארף ווידמען עטלעכע ווערטער די יידיש-פוילישע באציאונגען אין לובלין. אין אלגעמיין, האָבן זיי זיך איינגעאָרדנט גינסטיק. ס׳איז נישט געווען קיין פיזישער טעראָר. קיין בוכשטעבלעכע פּאָגראָמען. ס׳האָט זיך אָבער אָנגעזען און שטארק געפילט דער עקאָנאָמישער קאמף צווישן יידישע און פוילישע סוחרים. עס האָבן זיך געלאָזט פילן מיט ווייטיק די פּיקעטן פאר די יידישע געשעפטן אויף קראָקעווער פּאָרשטאָט, און די דערנידערנדיקע לאָזונגען ״קויף נישט ביי קיין ייד״, ״יידן קיין פּאלעסטינע״, ״זשידאָ-קאָמונא״ אאנ״ד, זענען געווען אויפן טאָג-אָרדענונג. דער מער באוווסטזיניקער טייל פון דער פוילישער באפעלקערונג, דערונטער פוילישע ארבעטער, האָבן באקעמפט די אנטיסעמיטישע טענדענצן און פּראָטעסטירט קעגן אזעלכע ארויסטרעטונגען. מ׳האָט אָרגאניזירט בשותפות פויליש-יידישע אויפמארשן און דעמאָנסטראציעס (1טער מאי) פון ״בונד״ און פ. פ. ס.

וועגן די געשעענישן אין לובלין אין דער תקופה צווישן ביידע וועלט-מלחמות, זענען דערשינען פיל מאָנאָגראפיעס, ביכער, באריכטן, ארטיקלען און זכרונות. ליידער, ס׳איז טרויעריק פעסטצושטעלן, אז וועגן א דריטל פון דער לובלינער באפעלקערונג, ווי ס׳זענען געווען די יידן, האָט מען נישט געשריבן צופיל.

און ס׳איז געקומען דער שרעקלעכער טאָג פון 1 טן סעפטעמבער 1939. ארום 10 א זייגער אינדערפר, האָב איך זיך דערוווסט, אז דייטשלאנד איז אָנגעפאלן אויף פוילן. כ׳האָב דעמאָלט נישט אָפּגעשאצט דעם גאנצן פארנעם פון דער דראָענדיקער קאטאסטראָפע. כ׳האָב זיך נישט פאָרגעשטעלט אז אָט הייבט זיך אָן די טראגעדיע פון פוילישן פאָלק און דער טראגישער אָנהייב פון דעם שוידערלעכן גורל פון אומברענג פון די יידן. נאָך 55 יאָר מיר, וואָס לעבן מיט דער טראגישער ירושה - פארגעסן נישט. מיר ווילן, כאָטש אין קליינעם מאסשטאב, פארפעסטיקן דאָס וואָס איז נאָך געבליבן אין אונדזערע הערצער און זכרון. מיר פארשטייען, אז די אלע ערטער, וועלכע זענען פאראייביקט געוואָרן מיט טאָוולען און נעמען, זענען נאָר א סימבאָל פון אונדזער זכרון. דאָס זענען נאָר באשיידענע שטיינער און מצבות פאר 40 טויזנט יידן, דערמאָרדעטע און לובלין בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאציע.

איבערזעצט פון פויליש: ד. ש.

# א בינטל זכרונות פון "יונגבאָר" אין לובלין

קאָפּל מיזעריצקי / בוענאָס-איירעס

## א

"יונגבאָר" - יונגע באַראָכאָוויסטן - איז געווען די קינדער-אָרגאַניזאַציע ביי דער פּאַרטיי לינקע פּועלי-ציון אין פּוילן. אין לובלין האָט דער "יונגבאָר" געפירט א לעבהאַפטע, דערציערישע טעטיקייט. דער באַשטאַנד פון איר מיטגלידער איז דער עיקר געווען - קינדער פון אַרבעטער-משפחות, קליינהענדלער, וועלכע זענען דערצויגן געוואָרן אין היימען, ווו ס'האָט געפעלט דאָס מינימאַלסטע - זיך אָנצוטאָן, און עסן צו דער זעט. דערפאַר האָט די אָרגאַניזאַציע אויפגענומען דאָס קינד מיט א שמייכל און האַרציקייט.

ס'האָבן זיך געשאַפן קרייזן לויט דער עלטער און אויפנאַם-פעיקייטן. די גאָר יונגיטשקע זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין שפּיל און געזאַנג. איינס פון די לידעלעך, וואָס מען האָט דאָרט געזונגען, לאָזט זיך געדענקען נאָר פון אָנהייב:

אין דעם שיינעם בלומען-גאָרטן
וואַקסן בלומען אַלע סאָרטן.

מיט אונדז האָבן זיך אָפּגעגעבן די אינסטרוקטאָרן: גיטעלע שילדקרויט און מיניע גאָלדבוים. די באַגריסונג איז געווען "גרייט!", און דער צווייטער האָט געענטפערט: "שטענדיק גרייט!". דער "יונגבאָר"-הימן איז געווען:

עס זאַמלען זיך, עס זאַמלען זיך יונגע באָראָכאָוויסטן,
זיי זאַמלען זיך, זיי זאַמלען זיך פון נאָענט און פון ווייט,
פון הונדערטער און טויזנטער וואַקסן אויס מיליאָנען,
פון בריקאַלעך און שטויבעלעך - א מעכטיקע אַרמיי.
יונגבאָר - זייט גרייט! די שעה איז ניט ווייט,
דורך אַרבעט און קאַמף וועט איר ווערן באַפרייט.
יונגבאָר - ער שמידט, ער שמידט אויס און שמידט
פון מאָרגן דאָס ליד.
מיר זענען באָראָכאָווס איינקלעך, מיר גייען האַנט ביי האַנט,
מיר יונגע באָראָכאָוויסטן, פון נייעם אַרבעטס-לאַנד.

פון דער צענטראַלע פון וואַרשע פלעגט אָנקומען דער זשורנאַל "קינדער-וועלט", וועלכע האָט דערגאַנצט די דערציונג, וואָס די אינסטרוקטאָרן האָבן אונדז געלערנט אויף די קרייזן - וועגן אונדזער אַלט-ניי לאַנד ארץ-ישראל, וועגן קאַמף פאַר העכערע לוינען, וואָס אונדזערע עלטערן דאַרפן פירן, כדי עס זאָל זיין מער צו עסן אין שטוב. מיר האָבן אויך אַרויסגעגעבן א וואַנט-צייטונג, ווו די פעיקע קינדער האָבן אָנגעהויבן שרייבן זייערע איינדרוקן. איינציקע האָבן געפּרוווט שרייבן לידער. אויך די קעסטל-אָוונטן, ווו די קינדער האָבן געשטעלט פראַגן, אויף וועלכע עס האָט צומייסטנס געענטפערט דער חבר יחיאל שטאָקפיש.

אָנגעפירט האָט דער יונגבאָר-ראַט און אַן אינסטרוקטאָרן-ראַט פון די יוגנטלעכע, וועלכע האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט: דוד שטאָקפיש, לאָזער גאָלדבוים, שמואל שאַפּיראָ.

אחוץ די קרייזן, וואָס מיר האָבן באַקומען אין דער פאָלקס-שול א"נ פון בער באָראָכאָוו אויף רוסקע-גאַס 18, האָבן מיר געמאַכט אויספלוגן אויף די טשעכיווער בערג אָדער אויף די וואָליער לאָנקעס און געפירט שמועסן וועגן אונדזער אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן. ספּעציעל געדענקט זיך, ווי מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט אין א שבת אינדערפרי, און געגאַנגען אויף אַן אויספלוג אין דאָרף פּאָטשעכאַ, ווו שטאָקפישעס עלטערן האָבן געדונגען א שטיבל אויף זומער-וווינונג. מיר האָבן דעם טאָג זייער גוט פאַרבראַכט, געמאַכט איבונגען, קרייזן, וואָס האָבן באַוווסטזיניק געמאַכט אונדזערע יונגע קעפּלעך, דערנאָך געגעסן צוזאַמען מיטאָג, געשפּילט פוטבאָל... פאַרנאַכט האָבן מיר זיך געגרייט צו גיין אַהיים, בערך א צען קילאָמעטער. אינמיטן וועג האָבן מיר אָנגעטראָפן שקצים, וועלכע זענען אונדז באַפאַלן מיט שטיינער. מיר האָבן זיי געענטפערט אויף דעם זעלבן אופן... נישט געלאָזט זיך שפּייען אין דער קאַשע.

## ב

מיר האָבן געמאַכט א צוזאַמענטרעף מיט דער אָרגאַניזאַציע פון מאַרקושאָוו, א שטעטל ניט ווייט פון לובלין. מיר האָבן זיך געטראָפן אין א וועלדל לעבן א דערפל. באַגריסט זיך: גרייט! - שטענדיק גרייט!



א גרופּע חברים פון "יונגבאָר" אין לובלין, 1934
קבוצת חברים של "יונגבאָר" בלובלין, 1934



אינסטרוקטאָרן און "יונגבאָר"-ראַט צום אָפּפאָר פון ח׳ מיזריצקי פון לובלין, מערץ 1935
מועצת "יונגבאָר" ומדריכים לרגל עזיבתו של לובלין של החי׳ מיזריצקי, מרץ 1935

שפּעטער זיך באַקענט, אָנגעהויבן חברישע שמועסן, שפּילערייען, קרייזן אויף אינטערעסאַנטע פאַר אונדז טעמעס. מיר האָבן זייער גוט פאַרבראַכט א גאַנצן טאָג און געווען צופרידן, וואָס מיר האָבן זיך באַקענט מיט נייע חברים. פאַרנאַכט זענען מיר מידע, אָבער פריילעכע, צוריקגעגאַנגען קיין לובלין.
ווען עס זענען פאָרגעקומען וואַלן, האָבן מיר צוגעהאָלפן דער פּאַרטיי מיט פאַרטיילן די פּראָפּאַגאַנדע ליטעראַטור פאַר דער ליסטע נום. 5, וואָס איז געווען טראַדיציאָנעל די ליסטע פון דער פּאַרטיי, צוגעהאָלפן קלעבן פּלאַקאַטן אויף די ווענט און מאָלן דעם נומער 5. אזוי האָט מען אונדז געלערנט פּראַקטיש פירן די וואַל-קאַמפּאַניע.

ווען מיר זענען א ביסל עלטער געוואָרן, האָבן פינף חברים פון יונגבאָר: שטאָקפיש, קלמן לאַנצמאַן, זלמן קאַרפּענשיף, מרדכי עקהויז, נתן ווינער און איך - געמאַכט א שפּאַציר צופוס, פון 120 קילאָמעטער, באַזוכנדיק, קאָרעוו, קאָנסקעוואָלע, פּילעוו און קוזמיר, ווו מיר האָבן זיך באַקענט מיט די חברים פון די שטעטלעך און מיט זיי גוט פאַרבראַכט. אין פּילעוו און קוזמיר האָבן מיר זיך געבאָדן אין דער ווייסל, נישט ווייט פון ברעג, ווייל קיין גרויסע שווימער זענען מיר ניט געווען. צוריק קיין לובלין האָבן מיר געמאַכט א "קפיצת הדרך", געגאַנגען דורך וואָנוואָליץ, נאַלענטשעוו און מאָטיטש, ווו עס זענען קיין אָרגאַניזאַציעס נישט געווען. קיין לובלין זענען מיר אָנגעקומען זייער מידע. יעדער איינער איז אוועק צו זיך אהיים, געוואָלט זיך אָפּרוען פון אזא לאַנגן וועג.

אין א יאָר ארום האָט דער "יונגבאָר" געדונגען פּלאַטפאָרמעס, געפירט פון פערד און דורכגעמאַכט דעם זעלבן וועג, ווייל אין פּילעוו האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט אָרגאַניזירט א צוזאַמענטרעף פון די אָרגאַניזאַציעס פון לובלינער קרייז. ווו צו שלאָפן און עסן, האָט איינגעאָרדנט דער פּאַרטיי-קאָמיטעט פון פּילעוו מיט שיע טאַרטשיץ בראש. עטלעכע טעג האָט געדויערט דער פּראָגראַם פון אָט דער אונטערנעמונג.
רעפערענטן האָבן געגעבן לעקציעס וועגן אונדזערע אידייען, וויאַזוי צו פאַרבעסערן אונדזער עקאָנאָמישע לאַגע, און דער עיקר וועגן עולה זיין קיין ארץ-ישראל.
פון וואַרשע איז געקומען דער חבר פון צ.ק., פּעטערזייל, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דעם פּראָגראַם. פון וואַרשע איז אויך געקומען צו פאָרן אונדזער א ברודער-אָרגאַניזאַציע "דער פרייער השומר", וועלכע איז באַשטאַנען פון שילער פון מיטלשולן און אוניווערסיטעטן, וואָס זענען געווען אונטער דער השפּעה פון לינקע פּועלי-ציון. מיר האָבן אויך געפונען צייט צו לערנען נייע לידער, שפּילן, ספּאָרט-איבונגען און זיך באָדן אין דער ווייסל. עס איז פאַר אונדז געווען אַן איבערלעבונג.
צומאָרגנס זענען מיר ארויסגעפאָרן קיין קוזמיר, ווו מיר האָבן באַזוכט אסתרקעס פּאַלאַץ, פון די פרוי פונעם פּוילישן מלך קאַזשימעזש, וואָס ער האָט פאַר איר ספּעציעל אויפגעבויט, באַזוכט דעם באַרג פון די דריי קרייצן, ווו עס איז געוואַקסן אַן עטלעכע-הונדערטיעריקער בוים, וואָס א צאָל חברים האָבן אים קוים ארומגענומען מיט די הענט. מיר האבן אויך באַזוכט די היסטאָרישע שיל אין קוזמיר, ווי אויך דעם וואַסערפּלומפּ, וואס איז געשטאַנען אינמיטן מאַרק שוין עטלעכע הונדערט יאָר. נאָך דעם - זיך אומגעקערט קיין לובלין.

### ג

מיר האָבן אויך געשאַפן א דראַמאַטישן קרייז, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט יחיאל שטאָקפיש. געשפּילט עטלעכע פּיעסן, אָבער אמערסטן האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון י.ל. פּרצעס "דריי מתנות" און "באָנטשע שווייג". מיר האָבן ממש איבערגעלעבט דעם אינהאַלט פון די צוויי דערציילונגען. פון "יונגבאָר" איז עס געווען א גרויסע דערגרייכונג. צו באָראָכאָווס יאָרצייט, (דעם 17טן נאָוועמבער), וואָס מיר האָבן אלע יאָר געפייערט אין קינאָ "קאָרסאָ", איז געשאַפן געוואָרן א כאָר, אין וועלכן ס׳האָבן אנטייל גענומען יונגבאָריסטן. עס זענען אויך געקומען רעדנער פון וואַרשע, כדי אנטייל צו נעמען אין דער אָנדענק-אקאַדעמיע.
דעם אינטערנאַציאָנאַלן יוגנט-טאָג האָבן מיר געפייערט מיט אַן אומלעגאַלער מאַסוווקע. אויף שעראָקע עק רוסקע, איז געשטאַנען א הויז מיט עטלעכע שטיגלעך ארויפצוגיין. דאָס האָט אונדז געדינט ווי א טריבונע. מיך האָט מען באַשטימט צו רעדן עטלעכע מינוט, עס זאָל לאַנג נישט דויערן, און וואָס גיכער פאַרשווינדן, ווייל מען האָט מורא געהאַט פאַר מעגלעכע פּאָליציייאישע ארעסטן. דער צווייטער האָט גערעדט, אין נאָמען פון דער פּאַרטיי, שלמה שטאַקפּיש, וועגן דער באַדייטונג פון אינטערנאַציאַנאַלן יוגנט-טאָג. דער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען און געווען צופרידן, ווייל ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט אָן ארעסטן. דאָס איז געווען דער

(סוף אויף ז׳ 22)



teatrnn.pl

# מיט 50 יאָר צוריק

**דערציילט פון חנה וואסאָנג**

פאראיאָרן זומער, האָט מען אָפּגעמערקט די דאטע פון א האלבן יאָרהונדערט פונעם קעלצער פּאָגראָם. צוליב טעכנישע סיבות, זענען די דערינערונגען פון חנה וואסאָנג נישט אָפּגעדרוקט געוואָרן אין פאָריקן נומער "קול לובלין". ברענגען מיר איצט די דערציילונג פון אירע איבערלעבונגען, אויך אין שיכות מיט דעם פּאָגראָם אין קעלץ.

די רעדאקציע

... ס'איז שווער צו גלויבן, אז א מענטש קען אדורכטראָגן אזעלכע שוועריקייטן און פּיין, וועלכע איך האָב אדורכגעמאכט מיט 50 יאָר צוריק. ס'איז אוממעגלעך צו פארגעסן, וואָס יידן האָבן אין יענע טעג איבערגעלעבט - און איך פערזענלעך.

דאָס איז געשען דעם 6טן יוני 1946. איך בין מיטן עשעלאָן אָנגעקומען פון מערב אוקראינע, ווו כ'האָב זיך דערוווּסט, אז מיין מאן משה, וועלכן איך האָב נישט געזען גאנצע 4 יאָר, געפינט זיך אין לובלין אלס פּוילישער זעלנער. אונדזער עשעלאָן איז אָבער אריין געפאָרן קיין קעלץ. מיין שטרעבונג איז געווען קיין לובלין. האָט א ייד פון ווארשע מיך אָפּגערעדט דערפון, ווייל דעמאָלט זענען געווען וואלן אין פּוילן און פאר יידן איז געווען א געפאר צו פאָרן אין די באנען. נאָר אויסער דער געפאר, האָב איך נישט געהאט מיט זיך קיין געלט. פון דעסטוועגן איז מיר געלונגען צו שאפן א קליינע סומע און כ'האָב געקויפט א באן-בילעט קיין לובלין. איינגעשטיגן אין באן, ווידער אין עשעלאָן פון 6 צי 7 וואגאָנען. מיר זענען צוגעפאָרן ביז סקארזשיסקאָ. דאָ האָט זיך די באן אָפּגעשטעלט און מענטשן פון דער אומלעגאלער און אנטיסעמיטישער A.K. האָבן אָנגעהויבן פרעגן און קאָנטראָלירן ווער פון די פּאסאזשירן זענען יידן. אן אנטדעקטן ייד האָבן זיי פשוט געוואָרפן דורכן פענצטער, אָדער געשאָסן אין וואגאָן. דער וואָס האָט זיי אויסגעזען ווי א ייד, האָבן זיי געפּאָדערט דאָקומענטן. איך האָב נאָר געהאט א צעטל, אז מיין מאן דינט און פּוילישן מיליטער. האָט איינער פון זיי זיך אָנגערופן:

- דיין מאן קאָן זיין א פּאָליאק, אָבער דו ביסט א זשידווע. היינט פאָרט קיינער נישט אָן דאָקומענטן. און אז דו ביסט א יידישע, וועט מען דיך פערטיק מאכן...

איינער האָט געזאָגט, מ'זאָל מיך נעמען ביי די פיס, וועל איך ארונטערפאלן הינטער די רעדער, האָט א צווייטער זיך אָנגערופן: "ווארף זי ארויס, זי וועט סיי ווי פּגרן ווי א הונט". און איך בין געשטאנען פאר די רוצחים, ווי א פארמשפּטע צום טויט.

זיי האָבן מיך אויפגעהויבן און ארויסגעוואָרפן דורכן פענצטער פון צוג. מיין גליק איז געווען, וואָס דער ווינט האָט מיך נישט פארטראָגן הינטער דער באן, אויף די רעלסן. איך בין "געפלויגן" אין דער לופטן און נאָך עטלעכע סעקונדן געפאלן אויף דער ערד, נאָר דער רעכטער פוס האָט זיך פארגראָבן אין זאמד און גלייך ווי ער וואָלט געוואָרן צעמאָלן. איך בין געבליבן ליגן מיטן קאָפּ איינגעגראָבן אין דער ערד. גראָד איז פארבייגעגאנגען א פּויערטע, וועלכע האָט געטראָגן 2 ליידיקע באניעס פון מילך. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן מיר, אויפגעהויבן מיין קאָפּ פון דער ערד, אָפּגעווישט דאָס פּנים, זי האָט אוודאי געמיינט, אז איך בין א פּוילישע און א פארזאָרגטע געפרעגט:

- מיין קינד, וואָס איז מיט דיר? פונוואנען קומסטו דאָ אהער? וואָס איז געשען? מ'האָט דיך ארויסגעוואָרפן פון צוג, אָדער ביסטו ארויסגעפאלן?

זי האָט פּרובירט אויסליידיקן איין באניע, אנטדעקט דאָרט א ביסל מילך, מיר געגעבן אויסצוטרינקען און געזאָגט:

- איך קאָן דיר איצט מער גאָרנישט העלפן. איך וויין פונדאנען אן אנדערטהאלבן קילאָמעטער. איך גיי א היים און וועל צושיקן מיינע צוויי זין. זיי וועלן דיך ברענגען צו מיר, איך וועל דיך אויסבאָדן און איבערטוען...

זי איז אוועק און איך האָב אויסגעדרייט מיין פּנים צום באשעדיקטן פוס און אָנגעהויבן זיך דערמאָנען, ווי אזוי מ'האָט מיך ארויסגעוואָרפן פון צוג און דער אומגליקלעכער פאל... דער ביין פונעם פוס איז ארויס פון זיין אָרט, בלוט האָט זיך געגאָסן. איך האָב מיט מיין נאָזטיכל פארבונדן דעם פוס. פּלוצעם האָב איך געזען ווי צוויי מענטשן קומען אָן און דערנענטערן זיך אין מיין ריכטונג. דאָס זענען געווען די צוויי זין פון דער קריסטין, וועלכע האָט פריער מיט מיר זיך פארנומען. איינער פון זיי האָט מיך געפרעגט: "וואָס איז דאָ געשען? ביסט ארויסגעפאלן פון דער באן?" מיין ענטפער איז געווען, אז איך ווייס גאָרנישט. דער אנדערער פּאָליאק רופט זיך אָן: "קוק אויף דעם פוס, מיט אזא פוס ווילסטו זי זאָל געדענקען?"

די צוויי האָבן זיך בּאראטן, צי מיך אָפּפירן צו זיי

אהיים, צי ארויפזעצן אויף דער באַן אין סקאַרזשיסקאַ, וועלכע זאָל מיך אָפּפירן קיין קעלץ, ווייל דאָרט איז פאַראַן אַ שפּיטאָל, אין וועלכן איך נויטיק זיך איצט.

זיי האָבן אָפּגעהאַלטן דעם צוג און דער קאָנדוקטאָר האָט דערציילט, אז אין קעלץ איז געווען א פּאָגראָם, און אז אין צוזאמענהאַנג דערמיט האָט מען ביי דער געלעגנהייט מיך ארויסגעוואָרפן פון דער באַן. די צוויי ברידער האָבן זיך פּאַרעקשנט, אז מ׳זאָל מיך ברענגען אין קעלצער שפּיטאָל, ווייל קיין אנדערע ברירה איז נישטאָ, כּדי מיך צו ראַטעווען. דער קאָנדוקטאָר האָט באַפוילן מיך אוועקלייגן אין דריטן וואַגאָן, נעבן דער טיר, ווייל דאָרט זענען געווען פערד. ווען איך האָב געזען, ווי מען פּאַיעט אָן די פערד, האָב איך אויך געבעטן א ביסל וואסער - און באַקומען אַן ענטפער "זיץ זשידוווא"...

מיר זענען אָנגעקומען אויף דער באַן-סטאַציע אין קעלץ. דער קאָנדוקטאָר האָט געמאָלדן דעם "רויטן קרייץ", אז ער האָט אין צוג א פאַרוואונדעטע פרוי, וועלכע מ׳דאַרף אָפּפירן אין שפּיטאָל. מ׳האָט אים געגעבן א קראַנקן-שוועסטער, וועלכע האָט געבעטן ביי עטלעכע זעלנער, זיי זאָלן איר העלפן איבערטראָגן א פאַרוואונדעטע פרוי פון וואַגאָן אין אמבולאַנס. פון די זעלנער איז אָבער געקומען א קורצער ענטפער: "זאָל זי שטאַרבן ווי א הונט, די זשידוווקע, מיר דאַרפן איר נישט העלפן"... די שוועסטער האָט מיר דערקלערט, אז איך וועל מוזן זיך אָנשטרענגען און אדורכגיין איבער די רעלסן צום אמבולאַנס. זי וועט מיר העלפן.

קוים מיט צרות אָנגעקומען אין שפּיטאָל, ווו מ׳האָט מיך אוועקגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע און געהייסן וואַרטן. דער דאָקטער וועט באַלד קומען. ס׳זענען אדורך גאַנצע 3 שעה ביז ס׳האָט זיך באַוויזן א דאָקטער, ווייל מ׳האָט דעמאָלט געבראַכט אין שפּיטאָל 42 טויטע און עטלעכע צענדליק פאַרוואונדעטע פונעם פּאָגראָם, וואָס איז פּאָרגעקומען אין שטאָט. דערווייל האָבן די מענטשן פון שפּיטאָל-פּערסאָנאַל אַראָפּגעצויגן די פינגערלעך ביי די קרבנות...

ענדלעך האָט א דאָקטער באַטראַכט מיין פוס, אים אריינגעלייגט צווישן צוויי ברעטלעך, פאַרבאַנדאַזשירט און דערקלערט, אז ער קאָן נישט דערווייל מער אויפטאָן. מאָרגן קומט דער הויפּט-דאָקטער - וועט ער דערצידירן.

איין קראַנקן-שוועסטער האָט געזען מיינע יסורים און געמאַכט אַן איינשפּריץ קעגן די ווייטיקן. כ׳בין איינגעשלאָפן. ווען כ׳האָב זיך איבערגעוועקט, איז ביי מיין בעט געשטאַנען א שוועסטער א נאָנע און געפרעגט, צי איך וויל ריידן מיט א גלח. האָב איך געענטפערט, אז כ׳בין א יידישקע - און זי איז אוועק.

צומאָרגנס האָט מען געפרעגט ביי די קראַנקע און פאַרוואונדעטע צי זיי האָבן ערגעץ משפחה אָדער פריינט. איך האָב אָנגעגעבן דעם אדרעס פון מיין מאַנס שוועסטער אין לובלין. זיי האָבן צו איר טעלעפאָנירט און נאָך צוויי טעג זענען צו מיר געקומען מיין מאַן מיט זיין שוואָגער, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער פּאָליציי. א דאַנק זייערע באַמיאונגען, איז געלונגען מיך איבערצופירן אין שפּיטאָל אין לובלין, ווו כ׳בין געלעגן 5 חדשים. דאָרט האָט מען מיין פוס אריינגעלייגט אין גיפּס און נאָכן אראָפּנעמען אים, בין איך געגאַנגען מיט דער הילף פון צוויי שטעקנס. אזוי האָט געדויערט דריי יאָר... נאָר פון יענע געשעענישן מיט 50 יאָר צוריק, איז מיר שווער צו באַפרייען זיך פונעם געדאַנק וועגן דעם טיפן אנטיסעמיטיזם, וועלכער איז פאַרוואָרצלט ביי א טייל פּאָליאַקן.

---

"יונגבאַר" - סוף פון ז׳ 20.

בעסטער סימון, אז צווישן אונדז זענען נישט געווען קיין פּראָוואָקאַטאָרן.
יאָרן זענען פאַרביי, אונדזער גרופּע האָט זיך געגרייט אריבערגייען פון "יונגבאַר" אין דער יוגנט-באַוועגונג. מיר האָבן ארגאַניזירט א פייערונג אין לאָקאַל אויף רינעק 10, ווו עס איז געווען אמערסטן באַקוועם, צוגעגרייט א טריבונע, ווו עס זענען ארויפגעגאַנגען חברים און חברטעס, וועלכע זענען אריבער אין דער יוגנט, טראָגנדיק פּלאַקאַטן מיט לאָזונגען. איך געדענק ביז היינט, אז אויף מיין פּלאַקאַט איז געווען אויפגעשריבן: "מיר שווערן דיר, חבר באָראָכאָוו, צו גיין אין די וועגן, וועלכע דיינע אידייען האָבן אונדז געלערנט". נאָך דער פייערונג, בין איך אויסגעוויילט געוואָרן אלס דעלעגאַט צום צוזאמענפאָר פון דער פּועלי-ציון יוגנט, וואָס איז פּאָרגעקומען אין וואַרשע, ווו עס האָבן רעפערירט די אנפירער פון דער פּאַרטיי: יצחק לעוו, נתן בוקסבוים, עמנואל ריגעלבלום און אנדערע.

*

אזוי איז דער "יונגבאַר" אין לובלין געוואָרן די צווייטע היים פון יידישן ארבעטער-קינד, וואָס האָט דאָרט געפונען א וועלטלעכע דערציונג און אידייען, פאַר וועלכע ס׳איז כּדאי געווען צו לעבן און ארבעטן. לינקע פּועלי-ציון האָבן נישט באַקומען קיין סערטיפיקאַטן צו פאָרן קיין פּאַלעסטינע, אחוץ אויסנאַמען. האָב איך צו 18 יאָר גענומען זוכן נייע האָריזאָנטן פאַר א מאַטעריעלער פאַרבעסערונג פון מיין מצב, ווי אויך פאַר דער ווייטערדיקער גייסטיקער און אידעישער טעטיקייט און עמיגרירט קיין ארגענטינע צו מיינע קרובים, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען.

אזוי דערמאָן איך זיך די קינדער און יוגנט-יאָרן פון מיין לעבן.

# אויך דאָרט טאָר מען נישט פאַרגעסן...

## לעצטער פראַגמענט פונעם בוך פון שיע טשעכעוווער [גאָלדבערג] "נשמה-ליכט" [היים און חורבן], וואָס קלינגט ממש ווי א צוואה.

... עד כאן - מיין היים. מיין לעבנס-וועג. גלגולים פון אַ ייִד אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. מאָרד און רציחה. פאַרברענטע היימען. אַ ייִד א נע ונדניק איבער דער וועלט, אַרויסגעריסן פון זיין היים, פון זיין משפחה. אַ ייִד וואָס גיט זיך נישט אונטער און בויט זיין לעבן אונטער אַלע אומשטענדן. אַ סך גויים האָבן געהויבן אויף אים די האַק און ער איז אַרויס פון גיהינום און אָנגעקומען אין מדינת ישראל.

פאַרוואָס האָב איך דאָס אַלץ דערציילט? אין שלאָפלאָזע נעכט האָב איך געטראַכט: יעדער געבליבענער ייִד פון חורבן דאַרף דערציילן. יעדער איינער דאַרף דערציילן דאָס וואָס ער געדענקט פון מיידאַנעק, פון די דייטשע רוצחים, פון זייערע חיהשע מעשים. יעדער איינער פון אונדז איז מחוייב איבערלאָזן עטלעכע אָנגעשריבענע בלעטלעך, וועלכע זענען זיין צוואה. דער זכרון, כל זמן ער ווערט נישט פאַרטושט, וויל מ'זאָל אים נוצן, און אויסשעפּן פון אים אַלץ וואָס מ'קען, כדי עס זאָל פאַרבלייבן פאַר דורי-דורות עטלעכע אָנגעשריבענע בלעטלעך פון די חורבן-טעג.

פאַרוואָס האָב איך דערציילט און געשריבן? כדי באַפרייען זיך פון די קאָשמאַרן, פון די חלומות וועלכע לאָזן נישט צומאַכן אַן אויג. כדי באַפרייען זיך - און ווער קען זיך באַפרייען - פון די מיידאַנעק-טעג? אַ פשוטער ייִד בין איך. איך ווייס אַז איך בין אין מיין דערציילן אַ סטאָליער וואָס קען נישט געניג דורכגיין מיטן הובל איבער די ברעטער. אָבער איך האָב געמוזט העבלעווען. אַזויפיל ביטערע זכרונות ליגן נאָך באַגראָבן דאָרט טיף אין האַרצן. איך רייד, שרייב און דערצייל און אַלץ ווערט באַגלייט מיט אַ קוואַל טרערן.

עפּעס גלויבט זיך מיר נישט, אַז איך בין מיט מיין טייערער פרוי אין מדינת ישראל. אַז איך האָב דערציילט און אָנגעשריבן, האָב איך אָנגעהויבן גלויבן מער: איך בין אין מדינת ישראל. אַ לעבעדיקער ייִד מיט מיידאַנעק אין האַרצן. אַנטקעגן - פוס צו פוס - דער מיידאַנעק-מצבה אין נחלת יצחק האָב איך צוויי פלעצער - פאַר מיר און מיין פרוי נאָך הונדערט און צוואַנציק. אויך אין ישראל, אויך נאָכן טויט קען איך זיך נישט שיידן פון מיידאַנעק. אויף דעם ספר מיינעם: "שיע טשעכעוווער דערציילט" - זאָל מען אַוועקלייגן אויף מיין קבר. איך וועל אויפשטיין אים לייענען טויטערהייט. אויך **דאָרט** טאָר מען נישט פאַרגעסן.

# היחסים בין לובלינאים בישראל לפולנים

**אירית גוטליב**

**בשיחות שניהלתי עם יוצאי עירנו רבים ובהם גם חברי הועד של ארגוננו על נושא הקשרים שלנו עם הפולנים, אשר חיים עתה בלובלין, הקדשתי לנושא זה מחשבות רבות. בהיותי אחת האחרונים מניצולי גיטו לובלין והעדה של כל מה שהתרחש בעיר בזמן הכיבוש הנאצי ולחלקה של האוכלוסיה הפולנית בהשמדת יהודי העיר, הרי מטבע הדברים, שאני צריכה להיות זו שמתנגדת לכל צורה של יחסים או שיתוף פעולה עם הפולנים תושבי עירנו. אבל כאן, מתערב ההגיון לרגש. פעמיים בקרתי בלובלין כאזרחית ישראלית גאה. וכאן נתקלתי באנשים צעירים, בעלי רצון טוב, אשר מוכנים לתרום רבות, כדי להנציח את זכרם של קדושינו. ידוע לי שאלה הם יחידי סגולה, כגון: הגב' דנוטה קובייקו, אשה חמה העומדת בראש האגודה לידידות ישראל-פולין, סניף לובלין. על האשה היקרה הזאת נכתב בעתוננו. היא ביקרה בישראל, "בחדר לובלין" ובבית יוצאי לובלין. גם הגב' קריסטינה מדלובה, אשר עובדת במוזיאון של מיידנק. לכולנו מוכר מר רוברט קובלק, אשר התארח, על פי הזמנת הארגון שלנו בישראל בבית חברי הועד, וגם בבתי לובלינאים אחרים. האדם הצעיר הזה מעורה ביותר בתולדות יהודות לובלין במשך הדורות, הוא הדפיס הרבה חומר על הנושא ועדיין עוסק בסוגיה זו. האנשים האלה וגם רבים אחרים נראים בעיני כצדיקים בסדום.**

**מצד שני, ידוע לי מתוך שיחות עם תושבי לובלין הנוכחית שבעיר חיים אנשים רבים, בעיקר בני הדור הצעיר, אשר בכלל לא יודעים שפעם תססו בלובלין חיים יהודיים. קבלתי אשור על זה מתוך השיחות שניהלתי עם ראש עיריית לובלין, ד"ר ברילובסקי, בזמן ביקורו בישראל. הוא טען שיש אזרחים רבים בעירו, שבכלל לא ידועה להם העובדה שבלובלין חיו אי-פעם יהודים. הוא הביע רצון לשנות את העובדה הזאת. אני התרשמתי שהוא אדם נבון ביותר, משכיל ובעל רצון טוב, שאינו נגוע בחידק של האנטישמיות הישנה, מוכרת כל כך לכולנו.**

**כדי לקיים את השליחות אשר לקחנו על עצמנו, בהיותנו חברי הוועד הנבחר של ארגוננו, עלינו לעשות לדעתי הכל, כדי לקיים יחסים של תקשורת עם עירית לובלין וכל מוסדותיה. רק בדרך זו נוכל לקדש את יקירנו אשר הושמדו, רק בדרך של הסברה, של קשר מתמיד עם לובלין ותושביה נוכל למנוע את השכחה המוחלטת של יהודי לובלין, אשר תרמו כל כך הרבה להתפתחותה. אנחנו לא יכולים לחיות רק בעבר ועלינו לחשוב על העתיד.**

# כמעט די זעלבע פּראָבלעמען...

דוד שטאָקפּיש

מיט א יאָר צוריק האָבן מיר שטארק געצווייפלט, צי מיר וועלן מצליח זיין ארויסצוגעבן נאָך א נומער "קול לובלין". די קאסע האָט זיך אויסגעליידיקט, די אפּאטיע און רעזיגנאציע איז געשטיגן. דאָך האָבן זיך געפונען עטלעכע "משוגעים", ווי מיר רופן זיי, און פאָרגעלייגט ווייטער אָנצוגיין מיט דער ארבעט, נישט אויפהייבן די הענט, נישט קאַפּיטולירן, כּל זמן די כּוחות דינען נאָך. הגם זיי זענען באגרענעצט צוליב דער עלטער. באזונדערס האָט מען אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט פון ווייטערדיקן דערשיינען פון דער "לובלינער שטימע", וואָס האלט שוין אָן 32 יאָר אָן איבערייס, און איז אָנגענומען ביי אונדזערע בני עיר ווי א פאמיליען-בלאט, אן אייגענע, היימישע טריבונע פאר לובלינער און פון לובלינער, א צייטונג וואָס באדינט נאָר די מענטשן פון דער זעלבער שטאָט. האָבן מיר דערקלערט א "קאַמפּיין" אָדער "מגבית", און - נישט צום פארזינדיקן - יידן האָבן זיך אָפּגערופן, ווער מיט גרעסערע, ווער מיט קלענערע סומען, און מיר זענען געווען בכּוח אדורכצופירן די געוויינלעכע טעטיקייטן און אויך ארויסצוגעבן דעם איצטיקן, 33סטן נומער "קול לובלין". אפשר וועלן מיר נאָך זוכה זיין צו ווייטערדיקע נומערן. האלעווײַ!

ווי געוויינלעך, האָבן מיר אדורכגעפירט די יערלעכע אזכּרה אין בית המלין אין תל-אביב, אין חודש דעצעמבער פ.י. וועגן דער אמאָליקער יידישער לובלין האָט גערעדט אונדזער בן-עיר דוד רוער. די תפילות אל מלא רחמים און קדיש האָט אָפּגעריכט דער חזן אריה בראון. מיטן אקט פון אָנצינדן די 6 ליכט, האָט אָנגעפירט מארק אורטמן און אירית גוטליב האָט גערעדט וועגן די וואָס זענען געשטאָרבן דעם לעצטן יאָר. געעפנט און געפירט דעם אָוונט, האָט דער שרייבער פון די שורות.

די צווייטע, טראדיציאָנעלע אזכּרה ביים דענקמאָל לזכר די קדושים פון לובלין און מיידאנעק, איז פאָרגעקומען אין מאי 1996, אויפן בית הקברות אין נחלת יצחק. דער חזן אברהם אָבערמאַן האָט געזאָגט קדיש און אל מלא רחמים און דוד שטאָקפּיש האָט גערעדט וועגן דעם בוך "לובלינער יידן", וואָס איז לעצטנס דערשינען אין לובלין, אין פּויליש.

אין די ראמען פון אַן אויפנאמע פונעם שטאָט-פּרעזידענט פון ראשון-לציון פארן שטאָט-פּרעזידענט פון לובלין, ווייל ביידע שטעט זענען צווילינג-שטעט, האָבן חברים פון אונדזער קאָמיטעט, אירית און ירמיהו גאָטליב, מארעק אָרטמאַן און זיין פרוי חיה זיך געטראָפן מיט גאסט פון לובלין אויפן אָפיציעלן קבלת-פּנים אין ראשון-לציון און ביי דער פאמיליע אָרטמאַן אין דער היים. (א גענויער באריכט וועגן דעם - אינעם באריכט פון אירית גאָטליב אויף ז' 25).

אויף דער איניציאטיוו פון משה קאָרן, חנה וואקסמאן און משה זאלצמאַן, איז דעם 15.6.97, אין א קאפע-הויז אין תל-אביב, פאָרגעקומען אן אויפנאמע פארן גאסט פון געטעבאָרג (שוועדן), יצחק שניידמאַן, וועלכער האָט באזוכט ישראל אלס דעלעגאט פון יידיש-צענטער אין שטאָקהאָלם. דער גאסט האָט זיך געטיילט מיט אינטערעסאנטע און נאָסטאלגישע זכרונות פון יידישן לובלין. ס'האָבן נאָך גערעדט משה זאלצמאַן, דוד שטאָקפּיש, אהרון האלבערשטאט.

דעם 26.10 איז אין "לובלינער ווינקל" אויף דיזנגוף 158 אין תל-אביב, פאָרגעקומען א קבלת-פּנים פאר דריי געסט פון טאָראָנטאָ: פעסע סלאָמא, די שוועסטערן טשארנע ווייס און כּעלע טראכטענבערג. נאָך דער באגריסונג פון פאָרזיצער, האָט פעסע סלאָמא זיך געטיילט מיט זכרונות פון לובלין.

ס'איז געווען אן אינטערעסאנטער צוזאמענטרעף, אין וועלכן ס'האָבן זיך באטייליקט די קאָמיטעט-מיטגלידער און איינגעלאדענע געסט.

צוליב דער פינאנסיעלער לאגע אונדזערער און נאָך אייניקע אויפגאבן, וועלכע מיר ווילן אדורכפירן, האָבן מיר פונאנדערגעשיקט א קורץ בריוול צו די לאנדסלייט אין לאנד און אין אויסלאנד - און ס'איז געקומען דער אָפּרוף, ווי דאָס איז צו זען פון דער רשימה פון די באשטייערונגען (ז' 38).

און כּל-זמן פינאנסן וועלן דערלויבן, ווי אויך דער געזונט-צושטאנד און דאָס געפיל, אז מיר זענען שולדיק א מאָראלישן און היסטאָרישן חוב דער שטאָט, "ווו אונדזער וויגל איז געשטאנען", וועט מען זיך באמיען ווייטער אָנגיין מיט דער טעטיקייט און פּרובירן געבן אן ענטפער כּמעט אויף די זעלבע פּראָבלעמען, וועלכע באגלייטן אונדז שוין העכער 50 יאָר.

לאָמיר מצליח זיין.

הײַ-יאָר קומט פאָר די יערלעכע אזכּרה אין בית לייוויק, דב הוז 30, תל-אביב, זונטיק, 30.11.97 א זייגער 7 אָוונט.

אלע אויטאָבוסן פון "דן" און "אגד", וואָס פאָרן דורך די גאסן דיזנגוף און בן-יהודה, האָבן א "תחנה" פאר אָדער נאָך גורדון.
דאָרט דארף מען אויסשטייגן.

# מפגשים עם ראש העיר של לובלין

**אירית גוטליב**



ביי די אָרטמאנס אין שטוב (פון רעכטס): די גאסטגעבערס; ד״ר ברילובסקי, פרוי קראווטשיק, אירית גוטליב, אנא פרוטשביץ׳.
בבית של משפ׳ אורטמן (מימין): המארחים, ד״ר ברילובסקי, גב׳ קרבצ׳יק, אירית גוטליב, אנה פרוטשביץ׳

בחודש פברואר השנה ביקר ראש עיריית לובלין בישראל. התלוו אליו: מנהל התיאטרון, מר תומס פטרושביץ, הגב׳ הנה פרוטשביץ וכן הגב׳ אנה קרבציק, חברת הליגה לידידות ישראל - פולין. המשלחת הנכבדה הוזמנה ע״י עירית ראשון-לציון, עיר תאומה של לובלין. היחסים בין שתי העיריות הם הדוקים אחרי שמשלחות מטעם עירית ראשון לציון ביקרה פעמים אחדות בלובלין, הוזמנה המשלחת מלובלין לביקור גומלין בישראל. כמזכירת ארגון יוצאי לובלין, קיבלתי הזמנה מטעם עירית ראשון לציון לפגוש את המשלחת, התקשרה אלי הגב׳ שיפוני, אשת יחסי ציבור של עירית ראשון לציון והציעה לי לארגן מפגש של ועד הארגון עם המשלחת של לובלין. בגלל סיבות טכניות נבצר ממני, לצערי, לארגן את המפגש. מכיון, שהמפגש היה כבר בשלבי היישום, החלטנו אחרי התיעצות עם סגן יו״ר מר אורטמן לפגוש את המשלחת באופן פרטי. כאשר נודע לנו שהמשלחת הגיעה לישראל ונמצאת בבית מלון בבת-ים, נסענו מר אורטמן ורעיתו ואנוכי לקבל את פני המשלחת. הגענו בערב למלון ושם פגשנו את ראש עירית לובלין, ד״ר פבל ברילובסקי. הוא נתגלה כאדם אינטלגנטי, מקסים ודי צעיר. יתר חברי המשלחת (היותר צעירים) גם הם אנשים משכילים ומעניינים. הגשנו לכל אחד מהם שי, שהכנו מראש. המפגש היה לבבי ביותר. היתה שיחה ערה ומרתקת. העלינו זכרונות מלובלין. האורחים הציגו לנו שאלות על לובלין, שאנחנו הכרנו, ישבנו איתם עד מאוחר בלילה ונפרדנו בלבביות.

חברי המשלחת העלו רצון לפגוש אותנו שנית. מכיון שלא עלה בידי לארגן מפגש של כל חברי הועד, הציעה משפחת אורטמן לערוך את המפגש בביתם בתל-אביב. אני לצערי לא יכולתי להזמינם לביתי (כמו שנהגתי תמיד בזמן ביקור של האורחים מלובלין) עקב מחלתו של בעלי. למחרת בליל שבת נפגשנו בביתם של משפחת אורטמן. המפגש היה מאוד מוצלח, המארחים קבלו את האורחים בלבביות. הוגש כיבוד. מר אורטמן הגיש לאורחים אלבום נאה. ישבנו עד מאוחר בלילה, סיפרנו על לובלין, סיפרנו בדיחות ושרנו שירים פולניים, בליווי של ירמיהו גוטליב על מנדולינה. האורחים התענינו מאד בתקופת השואה בלובלין. עניתי כמיטב יכולתי עקב היותי אחת מאחרוני יוצאי לובלין, אשר היו בעיר בזמן השואה. התברר, שהצעירים יודעים מעט מאד על התקופה ההיא. נפרדנו מהאורחים ומרק אורטמן הסיע אותם חזרה למלונם.

למחרת נפגשנו בקבלת פנים של ראש עירית ראשון-לציון, מר מאיר ניצן. לקבלת הפנים הזאת הוזמן יו״ר הארגון מר שטוקפיש, סגן יו״ר מר אורטמן ואנוכי ובני זוגנו. קבלת הפנים היתה מרשימה מאד. בין המוזמנים היה שגריר פולין בישראל, קונסול פולין בישראל ואשת יחסי הציבור של השגרירות הפולנית. ישבנו על יד השולחן, יחד עם אורחים מלובלין. השיחה היתה לבבית ומענינת, הוגש כיבוד עשיר, כמו כן עיריית ראשון-לציון דאגה לתוכנית אומנתית. בין המוזמנים היו כל חברי מועצת העיר של ראשון-לציון. שגריר פולין ברך את האורחים ואת כל הנוכחים. מר מאיר ניצן ראש עירית ראשון-לציון בירך כלבביות את המשלחת. אחד מחברי מועצת העיר, סיפר על הביקור של המשלחת בישראל. המשלחת ביקרה בארץ 7 ימים. הביקור כלל הרבה מקומות מענינים בארץ, בליווי המארחים מראשון-לציון.

לפני שהמשלחת מלובלין עזבה את הארץ, נפרדנו מהם בהבעת תקווה למפגשים נוספים בעתיד.



עס זיצן פון רעכטס: ד״ר ברילובסקי, בירגערמייטטער פון לובלין; אמבאסאדאָר פון פוילן אין ישראל; בירגערמייסטער פון ראשון לציון מאיר ניצן. עס שטייען: ירמיהו און אירית גוטליב; חיה און מארעק אֶרטמאן.
יושבים מימין: ד״ר ברילובסקי, ראש עיריית לובלין; שגריר פולין בישראל; ראש העיר ראשון-לציון, מאיר ניצן. עומדים: ירמיהו גוטליב; חיה ומרק אורטמן

# וואָס קוט פּאָר אין לובלין

## מה קורה בלובלין

אירית גוטליב

אחרי שיחה טלפונית עם הגב׳ שיפוני מעירית ראשון-לציון, נודע לי, שראשון לציון, שהיא עיר תאומה של לובלין, שלחה 41 ארגזי שמיכות, שקי שינה, צעצועים ובגדים למחנה ילדים, שהוקם בלובלין, למען הילדים נפגעי השטפונות בפולין. התקיימה בלובלין תערוכה של ציורי ילדים בעלי פיגור נפשי. מראשון לציון נשלחו ציורים של ילדי העיר, לאותה קטגוריה. בלובלין הוצאה חוברת על היחסים בין שתי הערים. בזמן הביקור המשלחת מלובלין בישראל, הגיש ראש עיריית ראשון-לציון, מר מאיר ניצן, המחאה על סך 3,000 דולר לידי ראש עיריית לובלין ד״ר פבל ברילובסקי, להקמת קרן להנצחת יהדות העיר.

השנה תמלאנה ללובלין 680 שנה. לכבוד מאורע, יוצא קומפקט-דיסק בהשתתפות תזמורות מלובלין, ראשון-לציון ומינסטר מגרמניה. חוץ מזה מתוכננים פרויקטים נוספים לרגל החגיגות.

## מיר רעכענען אויף אייער הילף!

מיר, אונטן אונטערגעשריבענע, זענען נישט מסכים מיטן פאַרשוועכן דאָס אָרט פון אומקום פון אונדזערע משפחות אויפן שטח פון געווו. לאגער מיידאנעק אין לובלין, דורכן אָרגאַניזירן א יאַרמארק האנדל אויפן באָדן פון דעם מאזאָלעאום. שוין איצט האָט מען פארניכטעט די סטיליזירטע פארצאמאוג און די יארמארק בודקעס, אומאָרדענונג און מיסט פאראומרייניקן דאָס אָרט וואָס איז פאר אונדז אזוי טייער. נאָך ערגער, מיר דערוויסן זיך, אז דער האנדל דאָרט וועט ווערן פונאנדערגעבויט.

ווי איז מעגלעך, אז דאָס מיניסטערױם פאר קולטור און קונסט, דער קאָנסערוואטאָר פון אייגנטימלעכקייטן און די אָרטיקע מאכט-אָרגאנען האָבן נישט ארויסגעצויגן קיין שום מסקנות פון אן ענלעכער געשעעניש אין אוישוויץ און דערלויבן אויף נאָך ערגערס אין לובלין.

צי זענען דאָ נישט פאראן קיין מענטשן, פאר וועלכע האָנאָרירן אָנדענק-ערטער, איז א הייליקע זאך?

מיטגלידער פון קולטור-<br>געזעלשאפטלעכן<br>פארבאנד אין לובלין.

## Liczymy na waszą pomoc!

My, niżej podpisani, nie zgadzamy się na bezczeszczenie miejsca śmierci naszych rodzin na terenie byłego obozu Majdanek w Lublinie, poprzez organizowanie jarmarcznego handlu na terenie tego mauzoleum. Już obecnie zniszczono stylizowane ogrodzenie, a jarmarczne budy, nieporządek oraz śmieci uwłaczają temu tak drogiemu dla nas miejscu. Co gorsze dowiadujemy się, że handel tam będzie dalej rozbudowywany.

Jak to możliwe, że Ministerstwo Kultury i Sztuki, Konserwator Zabytków oraz lokalne władze nie wyciągnęły żadnych wniosków z podobnego zdarzenia w Oświęcimiu i pozwalają na jeszcze gorsze w Lublinie.

Czyż nie ma tu ludzi, dla których szacunek dla miejsc pamięci to rzecz święta?

**Członkowie TSKŻ<br>z Lublina**

---

TOWARZYSTWO PRZYJAŹNI POLSKO-IZRAELSKIEJ<br>אגודת ידידות פולין ישראל<br>SOCIETY FOR POLISH-ISRAELI FRIENDSHIP<br>CENTRUM KULTURY W LUBLINIE<br>20-007 LUBLIN, ul. Peowiaków 12, tel./fax 287-00

Lublin 17 września 1997 r.

Towarzystwo Przyjaźni Polsko - Izraelskiej Koło nr 5 w Lublinie przesyła zaproszenia na uroczyste odsłonięcie Tablicy Pamiątkowej poświęconej CHOZE z Lublina. Z prośbą o wzięcie udziału w tej uroczystości oraz o przekazanie załączonych zaproszeń osobom zainteresowanym.

Z wyrazami szacunku

Zarząd TPPI

→

איינלאַדונג פון דער פריינטשאפט געזעלשאפט פוילן-ישראל צו דער פייערונג פון אנטהילן אן אָנדענק-טאָוול, געווידמעט דעם חוזה פון לובלין, וועלכער האָט געוווינט אויף שעראָקע 28 מיט 250 יאָר צוריק (זע ז׳ 27).

←

אויף ז׳ 28 ברענגען מיר א פאָטאָ-קאָפּיע פון דער ווארשעווער צווייוואָכנשריפט ״דאָס יידישע וואָרט״, ווו ס׳ווערט געברענגט א באריכט פונעם באזוך פון אונדזער בן-עיר נאטעק אקערמאן אין לובלין, געוו. שילער אין דער סטאשיץ-גימנאזיע, וואָס איז געקומען פון שוועדן, כדי צו באקומען א דיפלאָם פון דער באנייטער מאטורע.

## LUBLIN

### JAKOW ICCHAK HOROWIC

zwany „CHOZE" (WIDZĄCY)
urodził się w Józefowie nad Wisłą.
W 1745 r. zamieszkał w Lublinie,
przy ul. Szerokiej nr 28.
Był jednym z tych, którzy budowali
zręby chasydyzmu w Polsce.
Miał wielu zwolenników, którzy
uważali, że potrafi! przepowiadać
przyszłość, gdyż obdarzony był
„szóstym zmysłem" – zabiegali
więc o jego błogosławieństwa.
Jakow Icchak zmarł 9 Aw 1815 r.
i pochowany został na Starym
Cmentarzu Żydowskim w Lublinie.
Grób jego odwiedzany jest do dziś
przez chasydów z całego świata,
którzy wierzą w cudowną moc
Rebego. Modlą się do swojego
wielkiego cadyka, „Widzącego" –
Choze.

## ZAPRASZAMY

do wzięcia udziału w uroczystości odsłonięcia
Tablicy Pamiątkowej
poświęconej CHOZE z LUBLINA,
która odbędzie się 6 października 1997 o godz. 12.00
przy Placu Zamkowym 10

מיר טרעפן זיך דעם 6.X.1997 אויף לובארטאווסקי-גאס 10,
א זייגער 11.00 אין דעם „אנדענק-צימער"
אויף א תפילה לזכר די יידן אין לובלין.
וועלכע זענען אומגעקומען אין שואה 1939-1945.



דער אנדענק-טאוול וועט אנטהילט
ווערן דעם 6.X.1997
12 אזייגער אין לובלין אויף דעם
פלאץ זאמקאווי 10.

PROGRAM UROCZYSTOŚCI:

11.00 • Modlitwa w „IZBIE PAMIĘCI"
11.30 • Składanie wieńców przy pomniku Ofiar getta
12.00 • Odsłonięcie Tablicy Pamiątkowej
13.30 • Zwiedzanie Starego Cmentarza Żydowskiego

## לובלין

דער חוזה פון לובלין
ר׳ יעקב יצחק האראוויץ
איז געבוירן געווארן
אין שטעטל יוזעפאוו ביי
דער ווייסל נישט ווייט פון לובלין
אין 1745 יאר ער׳ האט געוווינט די
לעצטע יארן - אין לובלין אויף
שעראקא-גאס 28. דער חוזה האט
געהערט צו די איינציקע וועלכע האבן
געבויט דעם חסידיזם-איינער פון די
גרונטשטיין-לייגער פון דער חסידישער
באוועגונג אין קעניגרייך פוילן.
דער הוזה האט געהאט פיל אנהענגער
וועלכע האבן געגלויבט אז ער האט
געקענט פארזען די צוקונפט. ווייל
ער האט געהאט א״ג זעקסטן חוש.
צו אים זענען געקומען טויזנטער
חסידים נאך א ברכה. יעקב יצחק -
דער גרויסער רבי - איז נפטר
געווארן דעם 9 אב תקע״ו און מקבור
געווארן אויף דעם אלטן יידישן
ביתעולם אין לובלין. צו זיין קבר
קומען עד היום פיל חסידים פון
דער גאנצער וועלט, וועלכע גלויבן
אין דעם, אומטענטשלעכן כוח פון דעם
גרויסן צדיק החוזה מלובלין.

# Spotkanie po 27 latach

Ewa Akerman była moją koleżanką redakcyjną - sympatyczną, lubianą, ale nie więcej niż inne osoby z zawodowego kręgu. Dopiero nasze przypadkowe spotkanie w Teatrze Żydowskim, jeszcze na Królewskiej, w tym mało reprezentacyjnym budyneczku, w miejscu gdzie dziś znajduje się hotel "Victoria", na wieczorze jubileuszowym Idy Kamińskiej, zawiązała się pomiędzy nimi mocna nić porozumienia. Poznałem męża Ewy - Natana (Anatola) i dwójke ich dzieci. Włodek studiował elektronike na politechnice a Elżbieta romanistykę na stołecznym uniwersytecie.

Antoni Słonimski mówił, że polski kalendarz ma takie same miesiące jak francuski czy węgierski, a jednak trochę inne: trzeba je pisać z dużej litery. Polski Listopad, Polski Grudzień... Właśnie się zbliżał Polski Marzec. Aktywność antysemicka przybierała różne formy. Mnie na przykład ktoś podrzucił do biurka kopię maszynopisu z listą prawdziwych nazwisk i prawdziwych imion ludzi, którzy w rzeczywistości nazywali się tak "brzydko", wcale nie po szlachecku i słowiańsku.

Czerwcowego dnia 1969 roku na zatłoczonym peronie Dworca Gdańskiego żegnałem rodzinę Akermanów. Jechali na północ - do Szwecji. Potem już tylko jakieś pozdrowienia przez osoby trzecie, jakieś wiadomości, że wszystko ułożyło się nieźle i... długo, długo nic.

I nagle telefon - Natan Akerman jest w Warszawie. Spotkanie i liczenie lat. Tak, to nie pomyłka - minęło ich dokładnie 27 od ostatniego spotkania na smutnym peronie.

Ewa i Natan są oboje rodowitymi lublinianami. Natan jest absolwentem słynnego gimnazjum imienia księdza Stanisława Staszica. Przyjechał ze Sztokholmu na uroczystość niecodzienną - 410 rocznicę szkoły. Przynosi mi na spotkanie wielką tekę z księgą jubileuszową, kopiami dokumentów, fotografii pojedynczych i zbiorowych. Opowiada o nauczycielach, kolegach. Jest dumny ze swojego lubelskiego gimnazjum.

Pytam, jak dziś, po tylu latach, widzi Polskę. Czy zatarła się gorycz Marca? Natan uśmiecha się, mówi bardzo spokojnie - to



*Natan (Anatol) Akerman.*



Z okazji Dnia Patrona i 410 rocznicy tradycji szkoły

Dyrekcja
i Rada Pedagogiczna
I Liceum im. Stanisława Staszica w Lublinie
nadaje niniejszy

**DYPLOM**

**ODNOWIENIA MATURY**

Panu Anatolowi Akermanowi
(rocznik 1936)

W rocznicę zdania egzaminu dojrzałości, dołączając do niego najserdeczniejsze życzenia wielu lat zdrowia, wszelkiej pomyślności osobistej i dalszych poczynań ku chwale naszej szkoły.

Jerzy Jaroszek

Lublin, dnia 2 września 1996 r.

przecież mój kraj, tu się urodziłem, tu obok tradycji żydowskiej chłonąłem kulturę polską. Doznałem teraz wiele serdeczności. Mój polski kolega z klasy udzielił mi gościny w swym domu. Występowałem nawet w lubelskiej telewizji.

Oboje państwo Akermanowie są już na emeryturze. Natan przez dwanaście lat był pracownikiem naukowym wydziału germanistyki uniwersytetu w Sztokholmie. Prowadził badania nad tą częścią literatury niemieckiej, która po dojściu Hitlera do władzy musiała stać się literaturą emigracyjną.

Dochowali się trzech wnuczek. Sporo podróżują. Parokrotnie odwiedzili Izrael. Tam Natan wydał napisane po polsku i przetłumaczone na jidisz przez Davida Sztofkisza "Wspomnienia lubelskie". W Erec działa prężnie Ziomkostwo Lublinian, które właśnie jest wydawcą książki.

- Zastanawialiśmy się w Tel-Aviwie - mówi mi autor - czy przekładać na hebrajski czy na jidisz. Po namyśle stwierdziliśmy, że jidisz obejmie większy krąg czytelników. I tak się stało - książka miała swe echa nie tylko w Izraelu, ale także wśród lublinian osiadłych w USA, Argentynie, Australii.

Zapytałem Natana, czy możliwe jest wydanie polskie i dowiedziałem się, że owszem, trwają właśnie rozmowy na ten temat. Prof. Andrzej Wąsek z Uniwersytetu Marii Curie-Skłodowskiej działającej wespół z dr Simchą Wajsem z Warszawy w Towarzystwie Opieki nad Zabytkami Kultury Żydowskiej w Lublinie, jest dobrej myśli. Może nawet "Wspomnienia lubelskie" wyda w wersji polskiej uniwersytecka oficyna.

Książka powinna zainteresować różne środowiska - mówi Natan. Dużo w niej o życiu żydowskim w Lublinie przed Zagładą, ale dużo też i o moim wspaniałym gimnazjum.

A zatem czekamy na książkę. I na kolejną wizytę w Polsce już razem z żoną.

**Ryszard Wasita**

# נחת פון לובלינער...

## צום דערשיינען פון בנימין לובעלסקיס ניי בוך
## "אויף גאָטס באַראָט"

**דאָ נישט לאנג איז דערשינען דאָס פינפטע בוך פון אונדזער בן-עיר בנימין לובעלסקי "אויף גאָטס באַראָט". די קריטיס האָט ווארעם אויפגענומען די יצירה. מיר באַגריסן הארציק דעם מחבר און ברענגען עטלעכע פראַגמענטן פון דעם באַוווּסטן ליטעראַטור-קריטיקער, פראָפ' פּנחס ערליך.**

איך האָב מיט גרויס הנאה געלייענט דאָס בוך "אויף גאָטס באַראָט" און זיך געקוויקט מיט דער קלאָרקייט פון וואָרט, מיט דער עקזאַקטקייט פון דער שילדערונג און עמאָציאָנעלער קרעפטיקייט. ווי אַ לייענער האָב איך דערפילט, אַז נישט נאָר איך זע בחוש דעם געשילדערטן מענטש, נאָר אַז ער שטייט פאַר מיינע אויגן, אַז איך קען אים אָנטאַפּן און הערן זיין שטים. למען האמת, איז בשעת מיין הנאה-פולן לייענען דאָס בוך אויך געשטאַנען פאַר מיינע אויגן דער אייגנאַרטיקער מחבר - בנימין לובעלסקי, מיט זיין פאָריקן בוך: "יידן אין שפּאַנישן בירגערקריג", אין וועלכן ער שילדערט די גרוילן פון יענעם בירגערקריג אין אַ ברייטן פאַרנעם, אַ בוך, וואָס האָט דעם מחבר אַוועקגעשטעלט אין מיינע אויגן צווישן "די גרויסע" וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט דער טעמאַטיק, און איך בין זיכער, אַז דאָס ווערק האָט אים געבראַכט רום און כבוד און אַ רייכן אָפּרוף נישט נאָר פון מיין זייט, נאָר אויך פון דער אַלגעמיינער ליטעראַטור קריטיק.

דאָס בוך "אויף גאָטס באַראָט", שיין אַרויסגעגעבן דורך דעם ה. לייוויק פאַרלאַג. ישראל 1996, מיט אַ צוגעפּאַסטע הילע געצייכנט פון הערש וואכליס, פאַרמאָגט 192 זייטן. פאַרזען מיט אַ פּאָרטרעט פון מחבר. דער מחבר ב. לובעלסקי, ווי דער נאָמען, איז טאַקע געבוירן אין לובלין (פּוילן). היינט, זינט 1965 אין ישראל. האָט אוניווערסיטעט-בילדונג. געלערנט יוריספּרודענץ אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט און אין פאַקולטעט פאַר ביבליאָטעקערייַ ביים ירושלימער העברעישן אוניווערסיטעט. ביז 1979 דאָרט געאַרבעט. געוויס וועט דאָס דאָזיקע בוך, וואָס איז אָנגעשריבן פון אַ געלערנטן מייסטערהאַפטן שרייבער, אָן צווייפל געפינען פיל לייענער, וועלכע וועלן פּונקט ווי איך, זיך קוויקן מיט דעם פאַרכאַפּנדיקן שטאָף און אינטערעסאַנטן אינהאַלט...

אין זיין "אַ וואָרט פריער" שרייבט לובעלסקי: "אַ פייער פון פאַרניכטונג האָבן צעבלאָזן די היטלעריסטישע חיות. זיי האָבן אַרויסגעריסן מענטש, משפּחות, פעלקער מיט די וואָרצלען, אומגעבראַכט זיי, אָדער צעטראָגן זיי איבער פיר עקן וועלט, וועמען אין די היצן פון אוזבעקיסטאַן, וועמען אין די שנייען פון סיביר, מיך - אויף די זאַמדן פון סאַהאַראַ. און לסוף באַפרייטע דורך די אַליאירטע אַרמייען, וועלכע האָבן אין נאָוועמבער 1942 געלאַנדעט אין צפון-אַפריקע, זענען מיר צוריק געקומען - הונדערטער קילאָמעטער אויף צפון, קיין אַלזשיר אין אַ לאַגער. כ'האָב אין די דאָזיקע לאַגער-באַדינגונגען געלעבט 5 יאָר. זיי האָבן זיך איינגעקריצט טיף אין מיין זכרון.



בנימין לובעלסקי איז אויך געווען פאַרבונדן מיט דער קינסטלערישער וועלט. ער האָט אין יענער צייט באַזוכט די אויסשטעלונגען פון די בעסטע מאָלערס און באַקאַנטסטע מוזעומסט. ער דערמאָנט מיט באַגייסטערונג זיין יידישן חבר מאָנדזען ווי אַ באַרימטן קונסטמאָלער, וועלכער איז געווען באַפריינדעט מיטן גרויסן מאָדיליאַני, דערמאָנט די פּאָרטרעטן פון דערען.

•

די יידישע קולטור געזעלשאַפט אין ירושלים דאנקט זייער אונדזער ליבן פריינט, דעם שרייבער בנימין לובעלסקי פאַר שאפן א פאנד ביי דער געזעלשאַפט אין אָנדענק פון זיין ליבער פרוי דידא ז"ל. מיט זיין הילף האט ער דערמעגלעכט, אז מיר זאָלן זיך קענען טרעפן אין דעם שיינעם, ווארעמען לאָקאַל פון מועדון, און אָנהאַלטן אונדזערע וועכנטלעכע, אינטערעסאנטע און באלערנדיקע פּראָגראַמען אין דער צוקונפט.

די פארוואלטונג

---

ווען דער זשורנאַל האָט שוין באַדאַפט אריינגיין אין דרוק, האָבן מיר באַקומען די ידיעה, אז אין פאריז איז נפטר געוואָרן אונדזער בן-עיר, דער הארציקער ייד און טאַלאַנטפולער פּען-מענטש בנימין לובעלסקי. ער איז זונטיק, דעם 12 ד. ח. געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין ירושלים.

א טרייסט דער משפּחה

---

# ליטעראַטור-פּרייז פון דער שטאָט-פאַרוואַלטונג תל-אביב-יפו פאַר דוד שטאָקפּיש

## פייערלעכע פאַרטיילונג פון דעם פּרייז

דעם 14 טן יאַנואַר 1997, איז אין קבלת-פּנים זאַל פון דער עיריית תל-אביב פאָרגעקומען די פייערונג פון צוטיילן דעם ליטעראַרישן פּרייז פאַר יידיש-שאַפונג אײַנ מענדעלע מוכר ספרים פון דער תל-אביבער שטאָט-פאַרוואַלטונג - דער דיכטערין רבקה באַסמאַן, דעם שרייבער צבי אייזנמאַן און דעם זשורנאַליסט דוד שטאָקפּיש.

צוגעטיילט די פּרייזן, האָט דער שטאָט-פּרעזידענט רוני מילוא. געפירט דעם אָוונט האָט די בינע-קינסטלערין ענת עצמון. די זשורי איז באַשטאַנען פון מרדכי צאַנין, אברהם ליס און יצחק ארצי.

ביי אַ פול-געפּאַקטן זאָל, מיט פיל ״שטיי-ערטער״. האָט רוני מילוא אין זיין רעדע באַדויערט, וואָס די פייערונג קומט נישט פאָר אין דעם גרויסן זאָל ״עינב״, ווו אַלע וואָלטן געהאַט ״זיץ-ערטער״. רבקה באַסמאַן האָט אין איר אַרויסטריט גערעדט וועגן מענדעלען, דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור און באַדאַנקט אין נאָמען פון אַלע לאַורעאַטן. ענת עצמון האָט געלייענט צבי אייזנמאַנס אַ דערציילונג ״דאָק״ און יעדער חבר פון דער זשורי האָט געלייענט די מאָטיוון פאַר יעדן לאורעאט.
ס׳איז געווען אַן איינדרוקספולע פייערונג, וואָס האָט די פיל פאַרזאַמלטע יידיש-ליבהאָבער פאַרשאַפן גייסטיקן און מאָראַלישן געניוס.

## מאָטיוון פון דער זשורי

דוד שטאָקפּיש, דער פּובליציסט, שרייבער און לאַנגיעריקער רעדאַקטאָר פון דער צייטשריפט ״ישראל שטימע״, געהער צו דעם דור יידישע פען-מענטשן, וואָס האָבן פּערזענלעך מיטגעמאַכט און אָפט געוואָרן פּערזענלעך אַריינגעצויגן אין די היסטאָרישע פאַרלויפענישן, וואָס האָבן פולשטענדיק געענדערט דאָס לעבן פון יידן סיי אין ארץ-ישראל און סיי אין די תפוצות אין דער צייט פון ראַדיקאַלע ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער וועלט בכלל. דוד שטאָקפּיש, ווי אַ פּובליציסט מיט אַ פרייהייטלעכער וועלט-אַנשויונג, דער-שיינט אין זיינע אַרטיקלען און עסייען ווי אַ מין סייסמאָגראַף, וואָס רעאַגירט אויף יעדער היסטאָרישער און יידישער וויבראַציע. אין די יאָרן פון זיין שרייבערישער אַקטיווויטעט זייט 1945, האָט דוד שטאָקפּיש פאַרעפנטלעכט אין דער ישראלדיקער און אין דער יידישער פּרעסע אין דער וועלט הונדערטער פּובליציסטישע אַרטיקלען, רעפּאָרטאַזשן, עסייען און ליטעראַרישע קריטיק. דער דיאַפּאַזאָן פון זיינע פאַראינטערעסירונגען איז אַ וועלט-אַרומנעמענדיקער, ווי די טעמע ישראל, אירע שכנים און אין דער וועלט, פאַרלענדונג פון דעם שפּעטערישן יידישן פאָלק אין מזרח-אייראָפּע, ציוניזם און סאָציאַליזם, דער חשבון מיט דעם פאַרעטערישן



קאָמוניזם אין מאָסקווע, קולטור-פּראַגן און שרייבערישע פּערזענלעכקייטן. און וואָס אַנדערש קען עס נישט זיין: מער ווי אַ צענדליק אַרבעטן האָט ער געווידמעט זיין היים-שטאָט לובלין, אַ שטאָט וואָס האָט אין דער יידישער געשיכטע אַריינגעשריבן וווּנדערלעכע בלעטער. ווי דער רעדאַקטאָר פון דער ״ישראל שטימע״ באַציט זיך דוד שטאָקפּיש צו די באַטייליקטע אין דער צייטונג אַזוי ווי ער וויל, אַז די רעדאַקטאָרן פון צייטונגען אין דער יידישער וועלט אין וועלכע ער באַטייליקט זיך, זאָלן זיך באַציען צו אים...

פאַר אַלע זיינען פאַרדינסטן אויפן געביט פון זיין שרייבערישער שאַפונג און ווי דער לאַנגיעריקער רעדאַקטאָר פון דער ״ישראל שטימע״, האָט די זשורי פונעם מענדעלע מוכר ספרים פּרייז איינשטימיק באַשלאָסן צוטיילן צו דוד שטאָקפּיש דעם פּרייז פאַר דעם יאָר תשנ״ו - 1996.

די זשורי:
מרדכי צאַנין, פאָרזיצער
יצחק ארצי
אברהם ליס

**היי-יאָר קומט פאָר די אזכּרה (30.11.97)**

**אין בית לייוויק, דב הוז 30 (פינת גורדון)**

צווישן די גאסן דיזנגוף און בן-יהודה.

**צופאָר: אלע אויטאָבוסן וואָס פאָרן אדורך דיזנגוף**

און בן-יהודה



teatrnn.pl

# ...און לובלינער קינדער

## יצחק אורטמן נבחר ליו"ר מועצת הפועלים של מרחב דן צפון החדש

**לילך רון**

טקס הכרזת מרחב דן צפון של ההסתדרות נערך ביום חמישי שעבר באולם מופת ברמת גן, בנוכחות למעלה מ-400 איש. בטקס הוכרז יצחק אורטמן כיו"ר מועצת הפועלים של מרחב דן צפון. אורטמן, שעד כה שימש בתפקיד מזכיר מועצת הפועלים גבעתיים, נבחר לתפקיד במסגרת מהלך הצמצום והייעול בו נמצאת ההסתדרות בשנים האחרונות, ובמסגרתו אף עברה ל-28 מרחבים. הוועדה שבחרה באורטמן לתפקיד, כללה את יו"ר ההסתדרות, עמיר פרץ, יו"ר האגף לאירגון ומרחבים, פיני שומר, ויו"ר חבר המזכירות, פיני קבלו.

בעקבות ההחלטה שנפלה בתחילת השנה, החלה ההסתדרות במהלך של התייעלות וצמצום תקנים בכל הארץ, שזכה לכינוי "הסתדרות קטנה וחכמה". במסגרת המהלך, הצטמצם מספר מועצות הפועלים והוכרזו מועצות פועלים מרחביות. מרחב דן צפון, שהוכרז לפני שבוע, כולל את: רמת גן, גבעתיים, בני ברק, קרית אונו, אור יהודה, וכן את גני תקוה, גבעת שמואל ורמת אפעל. במרחב דן צפון, המרחב הרביעי בגודלו בארץ, המונה כ-80 אלף חברי הסתדרות, צומצמו התקנים ל-40 תקנים בכל המרחב. "אנחנו מחפשים מענה למקצועיות והתמקצעות", אומר אורטמן, יו"ר מועצת הפועלים מרחב דן, "כואב הלב על כל אדם מעובדי ההסתדרות המסורים שעוזב, אבל המציאות חייבה זאת. במשך הרבה שנים המערכת הסתאבה והשמינה. מהתהליך הזה של הייעול, נצא חזקים יותר. זה צעד שמאפשר לנהל מאבקים הסתדרותיים בצורה רחבה יותר, כך שאני רואה זאת גם כמשימה ואתגר ניהולי, במצב בו ההסתדרות נמצאת".

במועצת הפועלים גבעתיים נותרו שלושה אנשים בלבד בתקנים: גזבר מועצת הפועלים, המזכירה ומנהל מחלקת הצעירים, התרבות, הקהילה והדובר, אלי הולצמן. הולצמן: "הפעילות לא רק שלא הצטמצמה אלא שהיא אף תוגברה. העובדים חסרים אומנם, אבל אורטמן יזם יוזמות חדשות, כמו חבירה לגופים פרטיים ושילוב של שותפות בין גוף פרטי להסתדרות. דוגמא לכך הוא מועדון הזמן 'אדום כמו יין' עם גבי ברלין. דוגמא נוספת: 'מכלל מללי', שנותנת השתלמויות. הגוף הפרטי ירוץ לכל מקום וירוויח את אחוזיו, ולכן השיטה הזו הגבירה מאוד את הפעילויות שלנו, למרות שנשארנו רק 3 עובדים שמקבלים משכורות. אורטמן יודע איך להפיק את המקסימום מהעובדים, ובניגוד להרבה פוליטיקאים שנכנסים ללחצים ולוקחים אנשים שלהם שיקדמו אותם ויריצו אותם, הוא לקח אנשים על פי מכרז וכישורים נטו. הוא אמין ועם קבלות בעבודה ובהישגים שהשיג בשתי ידיו, ואלה הן גם הסיבות שבזכותן נבחר ליו"ר המרחב".

"גולת הכותרת שלנו הוא האיגוד המקצועי", אומר אורטמן, "הוא לב ליבה של ההסתדרות. קיים קשר שוטף, עדכונים ושיתוף פעולה תמידי בין ועדי העובדים במפעלים גדולים




**צווישן די וואָס זענען געקומען באַגריסן איציק אורטמאַן (זיצט אין צענטער), זענען געווען אויך עמיר פּרץ, אפי שטנצלר, כנסת-דעפּוטאַטן רענן כּהן און יוסי ביילין. בין אלה שבאו לברך את איציק אורטמן (יושב במרכז) היו: יו"ר ההסתדרות עמיר פרץ, אפי שטנצלר, ח"כ רענן כהן ויוסי ביילין**

והעובדים במפעלים קטנים יותר לבין מועצת הפועלים, על מנת להביא לטיוע בפתרון בעיות. הרבה עובדים רגישים לזכויותיהם, אבל אינם יודעים בדיוק מה מגיע להם וכיצד לדרוש זאת. אנחנו מוכרחים לעזור לאנשים האלה, על מנת שלא יווצר חלל ריק בין המעביד לעובד. אנחנו נמצאים לעזרתם כדי לגשר על הפערים האלה. יש לנו יעוץ משפטי ושירותים שניתנים לעובדים בייצוגם. על פי רב, משתדלים להגיע לפשרות והסברים ולא להגיע לבתי משפט. אנחנו נותנים שירותים והנחות לחברי הסתדרות, מעונות דרך נעמ"ת ופעילות ספורט דרך הפועל. התפיסה שלי רואה את האדם כמכלול. אנחנו דואגים ללחם ולפרח: לתנאי ההעסקה ושכר העבודה ולשעות הפנאי קרי: גמול השתלמות, הכשרה מקצועית, קורסי העשרה, חוגים, טיולים, והכל במחירים עממיים השווים לכל כיס.

"המרחב החדש שלנו, שהוכרז זה עתה, כולל אזור תעשייה מאוד גדול, אזור תעשייה מתפתח בבני ברק, קוקה קולה, התעשייה האווירית, יהלומים רמת גן, כל המוסכים שבאיזור - קטנים יותר וקטנים פחות", אומר אורטמן, "המרחב גם מונה את המספר הגבוה ביותר של מועצות פועלים מקומיות. אנחנו צריכים, יחד עם כל עובדי המרחב, להוות את חוד החנית במאבק היומיומי למען ההגנה על העובדים ותנאיהם ולמען ייצוגם הנאות מול שרירות לב וניצול. זאת במיוחד

כאשר קיימים עדיין מעסיקים המונעים מעובדיהם אף את שכר המינימום, ובימים בהם נקבע שיא חדש במספר דורשי העבודה. עלינו מוטלת החובה להעמיד הסתדרות חדשה ומודרנית לקראת שנות ה-2000, הסתדרות שמשווקת את עצמה בצורה נכונה, הסתדרות של רעיונות ויוזמות חדשות, השותפה בפיתוח וצמיחה של המשק ושתיתן מענה לעולם העבודה המשתנה".

★

היום מונה ההסתדרות 28 מרחבים במקום 76 מועצות פועלים. "מילת המפתח - היא שיפור השירות הניתן לחברי ההסתדרות תוך איחוד הפעילויות של כל מועצות הפועלים", אומר אורטמן.

אורטמן יליד גבעתיים, גדל בת"א ושב לעיר הולדתו לפני 12 שנים, הוא בוגר המודיעין הקרבי, בעל תואר שני במדעי החברה ולימודי א"י באוניברסיטת חיפה. כיהן כחבר וכיו"ר ועד עובדי הפועל ומוסדותיו. בשנת 94 נבחר לתפקיד יו"ר ההסתדרות בגבעתיים. הוא גם חבר בקרן הגמלאות המרכזית, נשוי ואב לשניים.


## נתקבל במערכת

## רבי מאיר אומר

אוצרות רבי מאיר שפירא מלובלין, אוצרות חכמה יהודית, פתגמי חסידים ומשלים בלשון הזהב של הגאון רבי מאיר שפירא מלובלין זצ"ל.
מופיע ויוצא לאור בעזהשי"ת לרגל חגיגת סיום הש"ס העולמי במחזור העשירי, אלול תשנ"ז


**מיט פרייד גיב איך צו וויסן מיינע פריינד אין לאנד און אין אויסלאנד, אז איך בין געוואָרן אַן עלטער-באָבע. ליידער, מיין מאן, יעקב פעלדמאן, האָט דאָס נישט דערלעבט. דאָס ניי-געבוירענע מיידעלע סיפן איז א טעכטערל פון מיין ערשט אייניקל פון דער עלטערער טאָכטער שושנה און מאן בני.**

**ביי דער געלעגנהייט ווינטש איך אלע לובלינער א גוט יאָר מיט געזונט און פיל נחת. זאָלן אלע דערלעבן צו אור-אייניקלעך. מיינע בעסטע ווונטשן פאר יעדער לובלינער יידישע היים.**

**איטקע פעלדמאן-ליינער**
**תל-אביב**

NEW LUBLINER AND VICINITY BR. 360, WORKMEN'S CIRCLE

To All Lubliner Landsleit In New York

***MEMORIAL GATHERING***

Dear Landsman:

The New Lubliner and Vicinity Br. 360, W.C. requests you to participate in the ANNUAL MEMORIAL GATHERING to pay your respect to the thousands of Landsleit Men, Women and Children who were annihilated by the Nazi regime,

**on Sunday, November 9th, 1997 - 1:00 P.M.**

**THE WORKMEN'S CIRCLE**
**45 East 33rd Street, New York**

We cannot permit the bloodshed and holocaust of those terrible days and years to be forgotten.

**MR. MICHAEL BARON**
will officiate in a special **MEMORIAL PROGRAM**

**Mr. Baron is a well known radio personality who lectures and teaches in Queens College.**

Please make every effort to attend.

Children of the **SECOND GENERATION** will participate.

**The Committee**

פאַרבעטונג צו דער אזכּרה אין ניו-יאָרק
הזמנה לאזכרה בניו-יורק



אויף דער יערלעכער אזכרה אין מעלבורן (אויסטראַליע)
באזכרה השנתית במלבורן (אוסטרליה)

# בריוו פון לובלינער

א גאנץ יאָר גייט אָן א לעבהאפטע קאָרעספּאָנדענץ צווישן מיר און לובלינער אין דער וועלט. איז פשוט א מצווה איבערצוגעבן כאָטש עטלעכע געציילטע שורות פון דעם בריוו-אויסטויש, אין וועלכע מען ברענגט ארויס אלגעמיינע, פערזענלעכע און משפחהדיקע פּראָבלעמען פון היימישע יידן, וואָס וועלן אוודאי פאראינטערעסירן יעדן איינעם פון לובלין, אווו ער זאָל זיך נישט געפונען.

מיר האָבן די היי-יאָריקע קאָרעספּאָנדענץ איינגעטיילט לויט די לענדער (לויט דעם א"ב) און איר, חשובע לייענער, וועט אוודאי האָבן אינטערעס און נייגיר צו טרעפן צווישן די אונטערשריפטן א באקאנטן נאָמען, וועלכער דערמאָנט אפשר דעם חדר אָדער שול ווו מ'האָט צוזאמען געלערנט, דעם ווארשטאט, פאראיין, צי אָרגאניזאציע; צי אפשר גאָר א שכן, מיט וועלכן מ'האָט געוווינט אין זעלבן הויז, נאָר איצט זענען זיי צעוואָרפן אין די שטעט, פונוואנען די בריוו זענען געוואָרן געשיקט.

אלנפאלס, לייענט און האָט הנאה.

ד.ש.

★

## אויסטראליע

איך קאָן אייך שרייבן, אז אונדזער אייניקל פון מיין ייִנגערע טאָכטער, וועט אין א מזלדיקער שעה גיין אונטער דער חופה דעם 25סטן יאנואר 1998. דאָס איז די ערשטע שמחה פון מיינע אייניקלעך. אויב דאָס געזונט וועט צודינען, וועלן מיר ווידער זיין אין ישראל, פסח 1998.

מיר האָבן אדורכגעפירט די יערלעכע אזכרה א דאנק אונדזער פריינד שטערנפיין, וועלכער געפינט זיך איצט אויף 2 יאָר אין ניו-זעלאנד. ער האָט באזאָרגט מיט א צוואה אויף יעדן יאָר דעם זאל מיט א כּיבוד, אין האָטעל אין מעלבורן, וועלכער געהערט צו דעם ייד יוסף גוטניק. ער טוט דאָס פאר דער לובלינער סאָסייטע וועלכע האָט געשמט מיט איר ישיבת חכמי לובלין. שוין 4 יאָר ווו מיר נוצן אויס דעם זאל. איך שיק עטלעכע בילדער פון דער אזכרה. אונדזער פריינט נאָוויטארגער האָט אדורכגעפירט דעם חזנישן טייל און די פרויען שרוני, טרייסטמאן, האקמאן, עקהאוז שיינטשע און עקהאוז תמר האָבן אָנגעצונדן די 6 ליכט. מיטן געזאנג פון פארטיזאנער הימן און התקווה איז געשלאסן געוואָרן דער יזכור.

מ. טרייסטמאָן, מעלבורן

★

## ארגענטינע

אין בין צופרידן, אז מיר האָבן זיך אָפּגערופן בכבודיק אויף דעם הילפס-רוף פון לובלינער קאָמיטעט אין ישראל. די ליסטע איז פאָלגענדע: ישראל טעמפעלדינער און קאָפּל מיזשעריצקי צו 100 דאָלאר, לייבל זילבערג, שמואל קאָסמאן און נחמיה ניסענבוים צו 50 דאָלאר. צוזאמען - 350 דאָלאר.

איך האָב געשיקט א בריוו צו לאָזער גאָלדבוים, ער זאָל זיך דערמאָנען אין זיינע יוגנט-יאָרן און אָנשרייבן זכרונות פארן "קול לובלין". צו דיר שיק איך 2 אָריגינעלע פאָטאָגראַפיעס צו מיין ארטיקל וועגן "יונגבאר". מיר דאָ, אין בוענאָס-איירעס, זענען בסך-הכל פינף לובלינער. איך האָב באזונדערס געשריבן צום פאראיין פון די לובלינער, אז איך האָב דערהאלטן זייער ווענדונג וועגן דער הילפס-אקציע און ווינטש אייך דערפאָלג אין אייער טעטיקייט. צום נייעם יאָר ווינטש איך אלעמען א סך געזונט.

דער "קול לובלין" איז שוין ארויסגעגעבן, נאָר די קאָרעקטור איז אפשר נישט הונדערט פּראָצענט. איך וויל דיך באגריסן צו דיין באקומען דעם וויכטיקן ליטערארישן פרייז א.נ. מענדעלע מוכר ספרים פון דער שטאָט-פארוואלטונג תל-אביב-יפו און ווינטש דיר דערפאָלג אין דיין ווייטערדיקער, זשורנאליסטישער טעטיקייט.

איך גלויב, אז מיר וועלן נאָך דערלעבן צו זען דעם נומ' 33 "קול לובלין". ביי מיר איז אויך נישט ווי ס'באדארף צו זיין מיטן געזונט. זיצט מען לרוב אין שטוב און נוץ די אייגענע ביבליאָטעק, כּדי איבערצולייענען אינטערעסאנטע ביכער און צייטשריפטן. דעם טאָג ווען ס'איז א זיצונג פון פארבאנד פון פוילישע יידן, גיי איך פאמעלעך צו און העלף מיט וואָס איך קאָן.

איך בין זייער צופרידן, וואָס דו ביסט שוין צוויי מאָל ארויס פון א לעבנס-געפאר: איינמאָל אין לאָנדאָן און איצט דער קאָפּ, אָבער דו גייסט ווייטער אָן מיט דיין געבענטשטער טעטיקייט. אויך איך הייב אָן פילן, אז "די יאָרן דערגייען די יאָרן" די פיס זאָגן אָפּ "פּאָסלושענסטוואָ". נעכטן דערהאלטן דיין בריוו אין וועלכן דו שרייבסט, אז "קול לובלין" וועט יאָ דערשיינען, וואָס האָט מיך שטארק דערפרייט. זייט אלע געזונט.

קאָפּל מיזשעריצקי, ב. איירעס

★

## בראזיל

... איך האלט זיך גוט, ארבעט זייער א סך, מיר לעבן באשיידן און צופרידן. מיינדל קרעכצט צוביסלעך, אָבער זי שפּאנט פּאָרויס. וואָס שייך די קינדער און אייניקלעך: אייניקע שוין פּאָרמירטע אויף ארבעט, די אנדערע שטודירן, פון צייט צו צייט וויזיטירן זיי אונדז. מיר האָבן נחת פון זיי. די עקאָנאָמישע לאגע אין לאנד איז ניט קיין שלעכטע. די אינפלאציע איז אָפּגעשטעלט. געזעלשאפטלעך איז אלץ נאָרמאל. אָבער מיר זענען שטארק באזאָרגט וועגן דעם

צושטאנד ביי אייך אין ישראל, צוליב אייערע שווערע פראָבלעמען צו לייזן.
די הארציקסטע ברכות פאר אייך און אלע אונדזערע לאנדסלייט אין ישראל.

לאָזער און מינדל גאָלדבוים, סאן-פאולאָ

★

## דענעמארק

טייערע לובלינער אין ישראל,
איך דאנק פאר אייער בריוו וועגן הילף פאר דער לאנדסמאנשאפט אין ישראל און איך פריי זיך וואָס איר ווילט ווייטער ארויסגעבן דעם ווונדערבארן זשורנאל "קול לובלין" און פאָרזעצן די ארבעט וואָס איז פארבונדן מיט דער יידישער לובלין. אויך אייערע אנדערע פלענער געפעלן זייער. איר זאָלט נאָר האָבן גענוג צייט און געזונט זיי צו רעאליזירן.
אלס קינד פון לובלין ווינטש איך אייך דאָס בעסטע און באשטייער זיך, לויט מיינע באשיידענע מעגלעכקייטן. גיט איבער מיינע בעסטע גרוסן און ווּנטשן אלע לובלינער אין ישראל.

מענדל ווייסמאן, קאָפּענהאגן

★

## פראנקרייך

איך שיק א באשיידענע באשטייערונג פארן "קול לובלין" פון 500 פראנק, מיט די ווארעמסטע ווונטשן פון נאָך לאנגע יאָרן עקזיסטענץ צו זיין דער גייסטיקער פארבינדלער צווישן די לובלינער לאנדסמאנשאפטן און אומגעגנט, ווי אויך פון די וואָס זענען ניצול געוואָרן פון די היטלעריסטישע הענקער בעת דעם קריג - פארן "קול לובלין" וואָס דערשיינט אין אונדזער מדינת ישראל.
ס'איז שווער צו גלויבן, אז מ'קאָן נאָך היינטיקע צייטן ארויסגעבן אזא זשורנאל. קומט דיר א גרויסער ישר-כוח. געזונט און לאנגע יאָרן פאר אלע לובלינער.

טעשקע קאָרמאַן-פאָרשטעטער, פאריז

★

צום קאָמיטעט פון דער לובלינער געזעלשאפט אין ישראל,
דורך אייך שיקן מיר איבער אונדזערע ניי-יאָר ווּנטשן צו אלע לובלינער אין לאנד. זאָל דאָס יאָר תשנ"ח זיין פאר אייך אלעמען א יאָר פון א גוט געזונט, מיט א סך נחת פון די קינדער און אייניקלעך. און דער עיקר - ס'זאָל זיין שלום אויף דער וועלט און מדינת ישראל.

דער קאָמיטעט פון דער לובלינער
געזעלשאפט אין פאריז

★

... מיר האָבן נעכטן געהאט א זיצונג פון לובלינער קאמיטעט אין פאריז און באשלאָסן שיקן פון דער קאסע 2 טויזנט פראנק, אויף דעם אדרעס דיזנגוף 158 תל-אביב. טעשקע איז אין שפּיטאָל, גיטעלע האָט מיר טעלעפאָנירט, אז זי האָט פּראָבלעמען מיטן הארץ און מיטן אָטעמען. אָט אין דער סביבה וויל מען מיט כוח פאָרזעצן די טעטיקייט.
אין די וואקאנס-חדשים זענען אוועק אין דער אייביקייט די לאנדסלייט: יידל ראָזענצווייג, האַס און קלאנג. זאָל זיי די ערד גרינג זיין.
כאָטש מיר רעכענען זיך אין פאריז צווישן די צאָלרייכע, פון די 70 מיטגלידער וואָס באוועגן זיך נאָך, זאָלן ווינציקסטנס 50% זיך באטייליקן אין די דריי טראדיציאָנעלע אונטערנעמונגען: די יערלעכע אזכּרה, חנוכּה און פורים. אין דער אקציע פארן "פארייניקטן פאָנד", ווו 60% גייט פאר ישראל און 40% פארן היגן ישוב, נעמען מיר אויך אַנטייל, כאָטש ביי יעדן איינעם זענען דאָ בארעכטיקטע סיבות: עלטער און קראנקהייט. מיר האָבן באקומען צוויי שותּפים - די פארטשעווער און לעווערטאָווער, מיט וועלכע מ'האָט צוזאמען אדורכגעפירט דעם יערלעכן באנקעט, צונויפגעפאָרט מיטן פורים-יומטוב. איך וויל אונטערשטרייכן די געבענטשטע אקטיוויטעט פון צוויי מער ייִנגערע קאָמיטעט-מיטגלידער: יוסף טאָבער און אנאטאָלי בינשטאָק, וועלכער איז איצט וויצע-פאָרזיצער פון דער לובלינער געזעלשאפט, צוזאמען מיט דער דינאמישער קאסירערין דינהלע ראָטשטיין.
נאָר אויך מיר אין פאריז, געציילטע מענטשן פון עלטערן דור, ראנגלען זיך ממשיך צו זיין די טעטיקייט. וואָס שייך העלפן אויסהאלטן און אונטערשטיצן דעם "קול לובלין", איז דאָס איינס פון אונדזערע יערלעכע אויפגאבן. דאָס שווערסטע פראָבלעם - די סאָציאלע הילף פאר אונטערהאלטן די נויטבאדערפטיקע לובלינער יידן.

משה זאלצמאן, פאריז

★

ליבע פריינד און לאנדסלייט,
ענדלעך האָב איך געפונען צייט אייך צו שרייבן עטלעכע ווערטער. איך האָב מיטגעמאכט זייער שווערע מאָמענטן צוליב דער קראנקהייט, אָבער איצט גייט שוין צום בעסערן. א הארציקן דאנק פארן צושיקן מיר דעם "קול לובלין". איך שיק א טשעק פארן זשורנאל. ווען ס'וועט פאָרקומען נאָך א וועלט-צוזאמענפאָר פון לובלינער, וועל איך אלץ טאָן, כּדי צו קומען.

אברהם קארפענשיף, ליאָן

★

## פאראייניקטע שטאטן

... מיין לעבן איז צעטיילט אויף דריי פּאַזן: שפּיטאָל, היים, טעאטער. יעדן טאָג אנדערע סיופּרייזן. מ'דארף האָבן כּח און זיך נישט איינברעכן. מיר האָבן געשטעלט אין דער "פאָלקסבינע" א גוטע פּיעסע: "די מויד פון לודמיר". איצט גרייטן מיר די קלאסישע פּיעסע פון פינסקי "יאנקל דער שמיד".
איך ווינטש דיר גוטע, געזונטע יאָרן, כּדי דער "קול לובלין" זאָל נאָך אָנגיין. איך שיק אייך א ווידעאָ "דאָס גרויסע געווינס" פון שלום עליכם. איך האָף, אז אויף א צוזאמענטרעף פון די לובלינער, וועט איר דאָס קענען אויסנוצן. איך שיק מיין באשיידענע באשטייערונג, וועלכע איז פאר אונדז א חוב. איך נעם אייך אלע הארציק ארום, אפשר וועלן מיר זיך נאָך זען. יענע גוטע יאָרן זענען אוועק, ווען מ'איז יעדעס

יאָר געקומען קיין ישראל. לאָמיר הערן פון אייך נאָך פריילעכע זאכן. זייט געזונט.

צפורה און יוסף שפייזמאַן, ניו-יאָרק

★

טייערע לאנדסלייט אין ישראל,
איך שיק מיין קליינע באשטייערונג פאר דעם אירגון. זייט אלע געזונט און הארציקע גרוסן פאר יעדן באזונדער.

יעקב ווייצפעלד, מיאמי

★

איך דאנק אייך הארצק פארן אָפּדרוקן אין "קול לובלין" מיינע צוויי דערציילונגען, וועלכע איר האָט איבערזעצט פון רוסיש. ס'איז עפּעס א נס, אז מיר האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט. אז ס'איז נאָך דאָ אויף דער וועלט מענטשן, וואָס האָבן געוווינט אין דער הערלעכער שטאָט לובלין, האָבן זיך אָפּגעפונען און קאָנען זיך קאָמוניקירן א דאנק אונדזער יערלעכע אויסגאבע "קול לובלין".
דעם 27סטן אפּריל ה.י. האָב איך דאָ, אין סאַן-פראַנציסקאָ געפירט דעם סדר פאר 400 עמיגראַנטן פון רוסלאנד. און אלץ איז געווען געגוי ווי ביי אונדז אין לובלין, אמאָל. די פיר קשיות, דער אפיקומן, אליהו הנביאס כוס, און געזאנג. אלץ איז געווען, נאָר ס'האָט געפעלט די היים, ווו דער טאטע איז געזעסן אויף קישנס, אָנגעלענטערהייט און מיט א טאָג פריער בודק חמץ געווען די גאנצע שטוב.
דעם 5טן מאי, האָבן מיר אין אָוונט אדורכגעפירט דעם יום השואה. א פולער זאל, א 300 מענטשן. מ'האָט געזינגען געטאָ-לידער, רעציטירט לידער וועגן יאנוש קאָרטשאַק, און געלייענט פראַגמענטן פון יצחק קאַצענעלסאָנס "דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק".

דעם 4טן מאי האָב איך געענדיקט 75 יאָר און באקומען אויך די אמעריקאנער בירגערשאפט. כ'וואָלט זייער געוואָלט נאָכאמאָל באזוכן ישראל.
איך מיין, אז איר האָט שוין דערהאלטן מיין בוך, ווו עס ווערט אפשר טויזנט מאָל דערמאָנט די וונדערבארע שטאָט אויפן ברעג פון דער ביסטשיצע, פונוואנען מיר זענען ארויסגעפאָרן (אָדער ארויסגעגאנגען) מיט פיל יאָרן צוריק, אָבער מיר קאָנען זי נישט פארגעסן. איך האָב 43 יאָר געוווינט אין קישינעוו און ס'איז מיר דאָרט נישט שלעכט געווען. אָבער איך דערמאָן נאָר לובלין. איך האָב שוין באזוכט די שטאָט 2 מאָל, נאָר איך וואָלט נאָכאמאָל אהין געפאָרן, הגם ס'איז דאָרט קיינער נישטאָ פון די נאָענטסטע, כאָטש דאָס הארץ טוט וויי, אז דו גייסט אויף דער לובארטאָווסקע גאס, ווו ס'האָט אמאָל געארבעט מיין פאָטער, ווו ס'האָט זיך געפונען דאָס שטיבל, ווו כ'בין געגאנגען מיטן טאטן דאווענען.
איר ווילט מאטעריאל פארן "קול לובלין". איך מיין, אז עפּעס בעסערס וואָס כ'האָב אָנגעשריבן אין מיין בוך - וועל איך נישט אָנשרייבן. ליידער, שרייבן אויף יידיש קומט מיר נישט אָן אזוי גרינג. דאָס האָב איך נישט געלערנט אין דער הומאניסטישער גימנאזיע.
גרוסן פאר אלע באקאנטע.

אדאם גאָלדמאַן, סאַן-פראַנציסקאָ

★

מיינע טייערע,
אין א פּאָר טעג ארום קומען די אייניקלעך, וואָס לערנען אין פארשידענע אוניווערסיטעטן אין לאנד. עס בענקט זיך זייער נאָך זיי, טייערע יידישע קינדער. שטעל דיר פאָר אז דניאל, וואָס לערנט אין הארווארד, אין באָסטאָן, האָט געבעטן מ'זאָל אים שיקן א קליין מנורהלע צו בענטשן חנוכה-ליכט צווישן די "גויים" אין אוניווערסיטעט... און אונדזער מיכאל, וואָס איז מיט א יאָר צוריק געוואָרן אדוואָקאט און איז זייער מצליח, קומט נישט אריין און גייט נישט אוועק פון שטוב, אויב ער קושט נישט די מזוזה... קאָנסטו פילן אזעלכע זיידע-באָבע אין אמעריקע? יחיאל, דער מיטלסטער, לערנט אין פילאדעלפיע, אין גרעסטן יורידישן אוניווערסיטעט אין אמעריקע. ער איז א תלמיד-חכם.
זייט געזונט.

ישראל אייזענבערג, לאָס-אנזשעלעס

★

## פוילן

טייערע פריינד,
איך גיב אייך צו וויסן אז מאָנטיק, דעם 6 טן אָקטאָבער 1997, וועט פאָרקומען די אנטהילונג פון אן אָנדענק-טאָוול לזכר פון חוזה פון לובלין, צו זיין 250-סטער יאָרצייט. אויב איר ווייסט אדרעסן פון חסידים פונעם חוזה, שיקט זיי איבער און איך וועל זיי איינלאדן צו דעם אקט. דעם אָנדענק-טאָוול האָט געשאָנקען דער פרעזידענט פון דער שטאָט לובלין. איך האָב ארויסגעשיקט 100 איינלאדונגען אויפן אדרעס פון אגודת ישראל אין ירושלים.
כ'האָב געזען א נאָטיץ אין צייטונג, אז דו, דוד, האָסט באקומען צוגעטיילט די הויכע ליטעראַטור-פּרעמיע א.נ. פון מענדעלע מוכר ספרים פון תל-אביבער שטאָטראַט, צוזאמען מיט נאָך א יידישער דיכטערין און יידישן שרייבער. דיין פרייז איז געווען פאר זשורנאליסטיק. איך און קאראָלא באגריסן דיך הארציק און ווינטשן דיר ווייטערדיקע הצלחה און געזונט.
אז מיר רעדן שוין וועגן ליטעראַרישע אויסצייכענונגען, קאָן איך דיר איבערשיקן א נאָטיץ פון "זשיטשע ווארשאַווי", ווו דאָרט שרייבט מען, אז מיין אייניקל יאָאַננא ווייס איז געוואָרן פאררעכנט צום ערשטן פינפטל פון דריי טויזנט שילערינס, וואָס האָבן גענומען אנטייל אין דער אָלימפּיאַדע פאַר פּאָלאָניסטיק, וואָס האָבן היי-יאָר אדורכגעמאכט די מאַטורע. די לאורעאַנטקע וויל זיין א שרייבערין און ליטעראַטור-פאָרשערין.
איך קום צו פאָרן מיט קאראָלאַן קיין ישראל אין אָנהייב אָקטאָבער און וועלן זיך אויפהאלטן ביי דוד רוער אין תל-אביב.

בינם און קאראָלא ווייס, ווארשע

★

(איצט קומען בריוו פון פּאָלאַקן פון לובלין).

געערטע הערן פון "קול לובלין",
שוין מער ווי א חודש ווי איך האָב באַזוכט רעגולער דעם אָנדענק-צימער אין לובלין, אויף לובארטאָווסקע, מיט וועלכן עס פאַרנעמט זיך דער ה' רישארד מיעזשוואַ. ער האָט מיך געבעטן אָנשרייבן צו אייך און פרעגן, פאַרוואָס קומט נישט אָן דער "קול לובלין" אין צימער. אין דער גאַבלאָטקע ליגן אַלטע נומערן פון 1989. היינט האָט ה' רישארד מיך געבעטן אויפהענגען אַן אויפשריפט "דער אָנדענק-צימער איז געשלאָסן אין חודש סעפּטעמבער". איצט, אַז ס'וועט זיין פאַרמאַכט, וועט מיין פאַמיליע זיך פרייען. זיי האָבן פון מיר געלאַכט און זיך געפרעגט: "צו וואָס דאַרפסטו דאָס העברעיש"? דערנאָך האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די יידן וואָס וווינען אין לובלין, קאָנען נישט קיין העברעיש און גלויבן נישט אין גאָט. טאָ צו וואָס האָב איך זיך געלערנט דעם א"ב?
גזשעגאָזש טאָדריק, לובלין

★

איך ווענדע זיך צו אייך מיט א בקשה מיר צו העלפן אין שרייבן אַן ארבעט "יידן אין לובלין אין די יאָרן 1944-1968". אַן ענלעכן בריוו האָב איך געשיקט צו משה זאַלצמאַן. די אָרעמע באַזע פון אינפאָרמאַציע און די באַשיידענע ארכיוואַלע מאַטעריאַלן, ווי אויך די גאָר קליינע צאָל יידן וואָס וווינען היינט אין לובלין, האָבן מיך געצוווּנגען צו בעטן אייער מיטהילף, אָנווייזונגען און עצות. מיך אינטערעסירן ענייִנים וואָס האָבן א שייכות מיטן אָרגאַניזירן אין דער תקופה דאָס געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישע לעבן, אָרגאַניזאַציעס, פאַרטייען - אַלץ נאָך דער מלחמה, זייער זיכערקייט, און באַזונדערס דאָס דערמאָרדן לעאָן פעלדמאַן און הערש בלאַנק. אויך ווי אַזוי האָט אויסגעזען די סאָציאַלע שוץ און די זאָרג פאַר יתומים, קרבנות פון האָלאָקאָסט? ס'וואָלטן געווען זייער וויכטיק זכרונות פון די דערמאָנטע יאָרן. איך דאַנק פאָרויס. שרייבן אויפן אדרעס.

Adam Kopciowski
ul. Pulawska 19/13
20-051 Lublin
tel. /081 741-30-55/

אַדאַם קאָפּציאָווסקי, לובלין

★

איך בין א סטודענט אויפן אוניווערסיטעט א"נ מאַריאַ סקלאָדאָווסקאַ-קירי און פאַרנעם זיך אויך מיט שרייבן און אינטערנעט. איך שטאַם פון א משפחה מיט יידישע וואָרצלען. מיין עלטער-זיידע האָט אָנגענומען א דראַמאַטישע דעציזיע און איבערגעגאַנגען צום קריסטנטום. ליידער, דאָס האָט אים נישט אָפּגעהיטן פון טויט, אַזוי ווי זיינע קינדער. מיין זיידע, א דאַנק זיין פעיקייט צו קענען געבן זיך אַן עצה, האָט איבערגעלעבט דעם קאָשמאַר און האַלט אָן א קאָנטאַקט מיט מיינע קוזינען. ליידער, קיינער פון זיי שטאַמט נישט פון לובלין, נאָר פון מיעכיוו.

איך האָב אויך פעסטגעשטעלט מיט שטוינונג, אַז אין אינטערנעט איז נישטאָ קיין שפּור פון די לובלינער יידן. האָב איך באַשלאָסן שאַפן די געהעריקע פּרעזענטאַציע. כ'וועל געניסן פון דער געהעריקער ליטעראַטור. נאָר איך בעט אייך, ווי אַנדערע לובלינער, אָנשרייבן קורצע זכרונות וועגן יידן און יידיש לעבן אין לובלין. אַזעלכע זכרונות וועלן דערשיינען אויף די זייטן פון אינטערנעט, געווידמעט דעם לובלינער יידנטום. איך גלויב, אַז איר וועט זיך באַציִען מיט פאַרשטענדעניש צו דעם ענין, ווי אויך לובלינער אין ישראל.
פ.ס. איבער א יאָר דאַרף איך באַזוכן א קיבוץ. אויב איר וועט טרעפן וועמען פון מיעכיוו, זאָגט אים אַז א טייל פון די בערענגוטס האָבן זיך געראַטעוועט און זיך צעשפּרייט אויף דער גאַנצער וועלט.
פּאַוועל סקאָנעצקי, לובלין

מיין אדרעס:

Pawet Skonecki
ul. Kiepory 13/9
Lublin 20-838
tel. +48-081-7414866

★

...אייך באַגריסט א לערער פאַר געשיכטע אין איינער פון די לובלינער שולן. איך באַזוך אָפט מיידאַנעק מיט די שילערס און דאָרט געטראָפן א ייד פון ישראל, וועלכער האָט מיר געגעבן אייער אדרעס.
איך האָב געפּרוווט זיך דערנענטערן צו יידן וואָס באַזוכן לובלין, ווייל מיר פעלט דער דיאַלאָג צווישן יידן און פּאָליאַקן, נאָר תמיד זיך אָנגעשטויסן אויף אומצוטרוי. איך ווייס אַז ס'איז געווען אַנטיסעמיטיזם, נאָר קאָן מען דען ווייטער דערמיט לעבן? איך האָב פון די יינגסטע יאָרן זיך מיט דעם אינטערעסירט, הגם ס'איז א סך מאָל געווען מיר אומפאַרשטענדלעך. די יידן האָט מען אומגעבראַכט, נאָר צו מיר האָבן גערעדט די שטיינער. אין דעם שול-מוזעאום היט איך אָפּ געדענק-זאַכן פון דער יידישער קולטור. איך וואָלט געפירט א קאָרעספּאָנדענץ מיט יעדן לובלינער פון ישראל, אומאָפּהענגיק פון עלטער וועגן דער שטאָט, יידיש-פּוילישע באַציִאונגען און אַנדערע טעמעס.

יאַן וווּיטשיק, גאַרבאָוו

מיין אדרעס: Jan Wojcik, 24180 Garbow 151A

★

איך האָב באַקומען א בריוו פון זהבה ליכטענבערג אין וועלכן זי שרייבט מיר אַז דאָס ביכל ZYDZI LUBELSCY האָט ארויסגערופן אַן אינטערעס אין ישראל. אויך אין לובלין האָט דאָס ביכל א געוויסן דערפאָלג. עס ווערט איצט געגרייט א צווייטער באַנד פון א צווייטער, וויסנשאַפטלעכער און קאָלעקטיווער ארבעט וועגן לובלינער יידן, וווּ ס'וועט אויך זיין א בשותפותדיק ארטיקל פון מיר און מיין פרוי. וועגן קעגנזייטיקע יידיש-קאַטוילישע באַציִאונגען אין לובלין, אין 16טן, און 17טן יאָרהונדערט. איך וועל אַליין אָנשרייבן צוויי ארטיקלען: וועגן וויעניאַווע און וועגן דער אָרגאַניזאַציע אַלגעמיינע ציוניסטן.

היי־יאָר וועט לובלין פייערן 680 יאָר, זינט מ'האָט איר געגעבן שטאָטישע רעכט. ס'וועלן זיין א סך אימפּרעזן. אויפן צווייטן יאָר וויל איך אָרגאניזירן א פּויליש־ישראלדיקן־דייטשישן יוגנט־סעמינאר, כּדי אדורך־דיסקוטירן די קעגנזייטיקע באציאונגען אין דער פארגאנגענהייט און איצט. איך ארבעט איצט אויף א דאָקטאָראט איבער א מאָנאָגראפיע וועגן דער לובלינער יידישע גמינע אין 19טן יאָרהונדערט.

ראָבערט קובאלעק, לובלין

★

## קאנאדע

ליבע לאנדסלייט,

נאָך א לאנגע צייט האָב איך ענדלעך דערהאלטן דעם "קול לובלין". ס'זענען אדורך גאנצע 5 יאָר פון ווארטן אויף דער צייטונג. איר שרייבט אז ארויסגעבן די צייטונג, איז פארבונדן מיט גרויסע הוצאות. איך בין געווען אין לאָס־אנזשעלעס, האָבן א טייל לאנדסלייט מיר געזאָגט, אז אויך זיי באקומען נישט די צייטונג. איר דארפט זאָרגן דערפאר, אז דער זשורנאל זאָל אָנקומען צו וואָס מער לובלינער. איך שרייב דאָס דערפאר, ווייל דער "קול לובלין" איז ליב און טייער יעדן לאנדסמאן. מיר דערוויסן זיך פון אים וועגן שמחות, טרויער, זכרונות. איך גלויב, אז יעדער לובלינערווארט אויף דער צייטונג.

איך און מיין פרוי ווינטשן אייך א סך געזונטע יאָרן. לאָזט גרוסן משה וואסאָנג מיט דער משפּחה, אלעקסאנדער שריפט און אלע בני עיר. איך לייג צו מיין באשיידענע באשטייערונג.

משפּחה יאָסקע בוים, טאָראָנטאָ

★

לובלינער קאָמיטעט אין ישראל, שלום!

אלס ענטפער אויף אייער בריוו וועגן הילף, שיקן מיר $150. דער גרעסטער טייל פון אונדזערע לובלינער, זענען קראנקע און אלטע מענטשן. מיר קענען ניט אפילו צונויפרופן א פארזאמלונג. ווען דער "קול לובלין" וועט דערשיינען, שיקט קיין מאָנטרעאל 10 עקזעמפּלארן. איך וועל קלינגען צו אונדזערע לובלינער זיי זאָלן קומען אָפּנעמען. איך האָף אז עס וועט מיר געלונגען. זייט געזונט און א גליקלעך ניי־יאָר.

תשובע פריינדין אירית גאָטליב,

מיר שיקן אייך א טשעק אויף 200 דאָלאר פאר דעם "קול לובלין" פארן יאָר 1996. איך בעט ניט שיקן מער אויף מיין אדרעס די צייטונג, ווייל איך פיל זיך שוואך אין געזונט און קען נישט פארטיילן.

מיר ווילן וויסן צי איר האָט נאָך א ספר יזכור "דאָס בוך פון לובלין" און וויפל עס דארף קאָסטן. לאָזט נישט לאנג ווארטן אויף ענטפער.

דעם בריוו וואָס איר וועט געפינען אין ענגליש, איז וועגן כאסקל פרייבערג ז"ל. זעצט אים איבער אויף יידיש, גוט אריין אין "קול לובלין", ווייל זיינע קינדער שרייבן נישט קיין יידיש.

יוסף קאפלאן, מאָנטרעאל

★

איך האָב דערהאלטן דעם "קול לובלין" און מיט פארגעניגן אויסגעלייענט אינגאנצן. עס דערמאָנט מיר א סך פון דער היים. היינט אינדערפרי האָב איך געעפנט דעם ראדיאָ און ס'האָט מיר א זעץ געטאָן אין הארץ: אין ירושלים האָבן אויפגעריסן 2 באָמבעס אויפן מארק און 18 טויטע און 42 פארוווּנדעטע. עס טוט מיר וויי. וואָס קאָנען מיר העלפן?

ביי די לובלינער דאָ וואָלט געמעגט זיין בעסער. פיל זענען קראנק, נישטאָ ווער ס'זאָל אָנגיין מיט דער ארבעט.

מיינע טייערע פון דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין ישראל. אייער בריוו, אז איר נויטיקט זיך אין הילף, האָב איך דערהאלטן. איך לייג צו א טשעק און ווינטש אייך א סך סוקצעס אין דער ארבעט. איך און מיין מאן ווינטשן אייך דאָס סאמע בעסטע. א הארציקער גרוס פאר אלע.

אברהם און רוזשקע צווייקאפט,
(פון דער היים רחל שאַבּסאָן), מאָנטרעאל

★

ביי אונדז איז אלעס אָקעי. ביי אייך איז אוודאי נאָך הייס, נאָר ביי אונדז אין מאָנטרעאל הייבט מען אָן פילן די קעלט. פארן מיר טאקע איבער קיין פלאָרידא, ווייל ס'איז שווער צו פארטראָגן דעם ווינטער. וואָס הערט זיך ביי פישלען און פאנין? זייט אלע געזונט.

פאָלע און סוכער פאכטשאש, מאָנטרעאל

★

## שוועדן

... מיר האָבן באקומען די ווענדונג פון דעם לובלינער קאָמיטעט, אָן דיין אונטערשריפט. פארוואָס? דאָס האָט אונדז שטארק באאומרואיקט. מיר ווילן וויסן וואָס עס הערט זיך ביי דיר און ביי דער לאנדסמאנשאפט. איך שיק נאָך 50 דאָלאר פארן "קול לובלין".

אין לובלין ווערן געמאכט באמיונגען ארויסצוגעבן אין פויליש מיין בוך "לובלינער דערינערונגען", וועלכן די האָסט איבערזעצט. א פּריוואטער פארלאג און די געזעלשאפט פון געוו. שילער פון דער סטאשיץ־גימנאזיע וועלן ווארשיינלעך דאָס פינאנסירן.

וואָס הערט זיך ביי אייך? שרייבט באלד ענטפער. ביי מיר און ביי עוואן איז נישט מיט אלעמען מיטן געזונט. צום נייעם יידישן יאָר, ווינטשן מיר אלדאָס גוטס.

